# Digitaliseret af | Digitised by

DET KGL. BIBLIOTEK
Royal Danish Library

Forfatter(e) | Author(s):
Titel | Title: Kopenhagener Tribune : (upartisk jødisk Tidsskrift)
Alternativ titel | Alternative title: קאפענהאגענער טריבונע : אונפארטייאישע צייטשריפט
Bindbetegnelse | Volume Statement: 1927; Vol. 1; Hft. 1-5
Udgivet år og sted | Publication time and place: Kbh., 1927

## DK

Værket kan være ophavsretligt beskyttet, og så må du kun bruge PDF-filen til personlig brug. Hvis ophavsmanden er død for mere end 70 år siden, er værket fri af ophavsret (public domain), og så kan du bruge værket frit. Hvis der er flere ophavsmænd, gælder den længstlevendes dødsår. Husk altid at kreditere ophavsmanden.

## UK

The work may be copyrighted in which case the PDF file may only be used for personal use. If the author died more than 70 years ago, the work becomes public domain and can then be freely used. If there are several authors, the year of death of the longest living person applies. Always remember to credit the author

Kopenhagener Tribune.
1. Aarg. 1927.

2_44.
DET KONGELIGE BIBLIOTEK
DA 1.-2.S 2 4°
1 1 02 0 4 00095 X
+ REX
BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

# Kopenhagener TRIBUNE

(Upartisk jødisk Tidskrift)

Udgivet og trykt af M. Altschuls Bogtrykkeri.
Ansvarshavende: Simon Altschul.
Ravnsborg Tværgade 6 - Telef. Nora 25 50 y.

Udkommer hver 14. Dag.
Abonnement: Kr. 1,50 pr. Kvartal. I Udlandet: Kr. 1,75
Anoncepris: 20 Øre pr. mm.

**Nummer 1** * **15. Marts 1927** * **1. Aargang**


## Til vore Læsere!

De fleste af vore Læsere vil sikkert blive forundrede naar de i Dag har »Kopenhagener Tribune« liggende foran sig.

For knapt to Uger siden, blev der udsendt en Meddelelse om, at et jødisk upartisk Tidskrift vilde udkomme; og allerede nu er Bladet en Kendsgerning.

Hvortil den Hastighed, og hvorfor er der ikke blevet konfereret med de jødiske Foreninger om Udgivelsen af Bladet, vil Spidserne for Foreningerne uvilkaarlig spørge.

Vi vil derfor tillade os at forklare vore Læsere følgende:

At Bladet er en Nødvendighed behøver vi ikke mange Ord for at fastslaa. Alene det, at der findes ca. ti jødiske Foreninger her i København, der er i Aktivitet, og hvis Løsen, saa at sige, er: »Jiddisch og atter jiddisch«, siger alt. Grunden, hvorfor de andre hidtidige jiddische Blade ikke har kunnet eksistere (for at imødegaa eventuelle Indvendinger) mener vi bør søges i, at enkelte af disse har været baseret paa litterært Grundlag, og Foreningslivet været betragtet som et Bispørgsmaal, andre har været ledet af Personer, som gik ud paa ensidig Kritik, sluttelig er enkelte blevet udgivet af bestemte Organisationer, og derfor ikke har kunnet regne med a l l e de herboende Jøders Interesse.

Vi ved altsaa, at de fleste af de hidtil udkomne jiddische Blade har lidt en krank Skæbne, og desaarsag bliver ethvert Bladprojekt straks modtaget med Skepsis. Den næsten tilvænte Sløvhed parret med Angsten for noget nyt, gør det ikke let, paa Basis af Forhandling med Foreningerne, at udgive et jiddisch Blad.

Havde vi derfor konfereret med de forskellige jødiske Foreninger, var Bladet, af lutter Hensyntagen sikkert blevet opgivet; det er nu engang ikke let at stille alle tilfreds, naar alle skal spørges til Raads.

Vi udgiver Bladet, tagende Risikoen paa os selv, idet vi ræsonnerer: Jøderne i København har Brug for et jiddisch Blad, nu mer end nogensinde før.- »Jødisk Folkets Hus«, de jødiske Børn og Ungdommens Bortgliden fra Forældrene paa Vej mod Assimilationen og andre vigtige Opgaver venter paa deres endelige Løsning. Fra den øvrige jødiske Verden er vi saa godt som isoleret. Vi ved ikke, hvad der sker derude, hvad vi kan glædes over og være stolte af; hvor vi kan føle med i vore Brødres Kvide og tage Del i Deres Sorg.

Vi vil udgive et Blad, hvor alle Foreninger kan være med. Et upartisk Blad, hvor alt, hvad der er af Interesse for det jødiske Liv i København, vil blive optaget til Debat. Vi vil bringe Efterretninger fra den jødiske Verden og søge at bevæge Kapaciteter til at belære os ved deres Medarbejde.

Jødiske Foreninger i København!

Tribunen er rejst! Tilhørerne har indfundet sig og venter paa at høre Deres Ord! Skal det lykkes os ved forenede Kræfter, fra denne Tribune at hæve vort jødiske Milieu til et højere Standpunkt, eller vil De, ved Ligegyldighed og malplaceret Skepsis, hjælpe med til at rive Tribunen ned? △

# „Purimfest i Tel-Awiw"

I Anledning af 25 Aars Jubilæet afholdt „Keren Kajemeth le'Jisrael" Søndag d. 13. Marts en stor Fest med Kostumebal og Midnatskabaret i Hotel d'Angletterre, hvis Sale blev taget i Brug. Louis d. XVI' Sal blev i Dagens Anledning smagfuldt dekoreret til „Purimfest i Tel-Awiw" og Signor Gerolas pragtfulde Orkester satte straks Publikum i den rette Stemning.

Henimod Midnat blev Kabareten indledet med Nationalsangen „Hatikwah" som af det fremmødte Selskab blev afsunget staaende.

Derefter holdt Hr. Dr. Louis Frænkel Festtalen og fremhævede det store Arbejde K. K. L. havde gjort i Palæstina i de forløbne 25 Aar ved Oprettelsen af Skoler, Hospitaler og Gymnasier foruden at K. K. L. har erhvervet de mægtige Arealer Jord i Palæstina for det jødiske Folk.

Efter Festtalen erobrede Hr. Dr. Schumakoff Publikum med sine russiske Sange til eget Luthakkompagnement og Hr. Rabuchin høstede mægtigt Bifald for sine jødiske Sange.

Det vellykkede Program afsluttedes af Klavervirtuosen Hr. Johan Hannover Cohn, som en Slags Rosin i Pølseenden, hvorefter Danseorkestret tog fat og Gæsterne svingede sig i Dansen til langt ud paa Natten.

# „Ikor"s Koncert

Til Fordel for Hjælpekomitéen for den jødiske Kolonisation i Rusland (Ikor) arrangeres Søndag den 14 April i Studenterforeningen en pragtfuld Koncert. Der skorter ikke paa „Navne" blandt de velvillige Deltagere.

Koncerten bliver indledet med en Prolog af Forfatteren Hr. Henri Nathansen, og følgende kendte Kræfter vil udfylde det øvrige Program:

Kgl. Operasangerinde Fru Birgit Engel, Kgl. Skuespillerinde Fru Anna Bloch, Kgl. Solodanserinde Fru Elna Jørgen Jensen, Hr. Solodanser Leif Ørnberg, Klavervirtuosen Hr. Gunnar Johansen (den danske Brailowski), Skuespiller ved Dagmarteatret Hr. Elith Pio, den unge Digter Hr. A. D. Henriksen, vil recitere jødiske og russiske Digte tilegnet den jødiske Kolonisation i Rusland. Hr. Adolf Temianoff.- Efter Koncerten bliver der Bal til Kl. 2.

Da hele Indtægten gaar til et saa godt Formaal og da enhver af de ovennævnte Kunstnere er i Stand til hver for sig at fylde hvilken som helst Sal i København, er Succes'en paa Forhaand fastslaaet.


PALÆSTINA CIGARETTER

fremstillet af den verdensberømte ægte Palæstina Tobak
er nu kommet i Handelen ogsaa her i Landet i følgende Mærker:

„AZRA" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . en 4 Øres Cigaret i Æsker a 20 Stk.
„THE PALESTINE-CIGARETTE NR. 17" en 6 Øres Cigaret i Æsker a 20 Stk.
„THE PALESTINE-CIGARETTE NR. 18" en 8 Øres Cigaret i Æsker a 25 Stk.

Forlang dem hos Deres Cigarhandler

„KARMEL" Lavendelstræde 1-3
Telf: 9087 - 11729
Enelager for Skandinavien


BIBLIOTHECA REGIA HAFNIENSIS

# DANSK KARTOTHEK FABRIK
RUD. C. DRUMM

Alle Slags Kartothekmapper — Ledekort — Alfabeter — Fanekort — Noteringskort
Registre — Brevordner — Bortlægningsmapper — Kortrytter — etc.
— FORLANG TILBUD. —

PILESTRÆDE 40 TELF. BYEN 4041

## Køb Lædervarer
**direkte fra Fabrikken**

Sidste Nyheder. Billigste Priser.




Kitbags, Tasker, Dokumentmapper, Nodemapper, Portemonaier, Seddelmapper, Skoletasker m. m.

Reparationer udføres hurtigt, smukt og billigt.

## A. Braun
**Landemærket 51 Telf. Byen 6803**

## Slagtermester D. B. Fischermann
Rosengaarden 14 -o- Telf. Byen 1434 x

anbefaler sig med

sendes overalt!

| | | | |
|---|---|---|---|
| 1. Klasses Kød | Kr. | 0,65 | |
| Højrib | » | 0,85 | pr. Pund |
| Opskaaret Paalæg | » | 3,00 | pr. Pund |
| Leverpostej | » | 2,00 | pr. Pund |
| Spegepølse | » | 1,00 | pr. Pund |
| Kogepølse | » | 0,75 | pr. Pund |
| Bayerske Pølser | » | 1,50 | |

Høns i slagtet Tilstand til billigste Dagspris.

· Værksted og Udsalg af Guld-, Sølv-, Bronce- og Tinarbejde.



Barmitwoh- Konfirmations- Bryllups- og Fødselsdags-Gaver.

Alle Reparationer udføres

## Baruch Griegst
**Sølv- og Guldsmed**
**Niels Hemmingsensgade 18, Kld.**
**Telf. Byen 7256**

## M. Altschul's Bogtrykkeri
Ravnsborg Tværgade 6 - Tlf. Nora 2550 y.

**Smukt udførte Tryksager af enhver Art til rimelig Pris.**
**Brevpapir, Meddelelser, Cirkulærer, Konvolutter, Regninger, Fakturaer, Visit-, Takke-, Brev-, Reklame-, Inkassator-, Medlems-, Kartotek- og Forlovelseskort, Billetter, Baltegn, Ugeberetninger, Etiketter, Kalendere, Manillamærker, Pakkesedler, Programmer, Løbesedler, Sange, Dags-Dato- og Vexelblanketter, Kontrakter, Stævninger, Lager- og Prislister, Love, Kontrolmærker o. a.**



## Alt Snedkerarbejde
Nyt saavel som Reparationer udføres

**Forlang Tilbud**

## Vilh. Andersen
Ravnsborg Tværgade 6 Telf. Nora 756 x

## לייענט און פארשפרייט די קאפענהאגענער טריבונע!

# לאקאלעס.

## פורים־פעסט

שוין איניקע יארן ווי דער געזאנג פאראיין »הזמיר« האט זיך גענומען די שיינע אויפגאבע איינצוארדענען א קינדער פעסט פאר די אידעשע קינדער דא אין קאפענהאגען. די פעסטן ווערן שטענדיק זייער גוט אדורך געפירט, וואו פילע קינדער פארברייגען אנ׳אוונט מיט אמת אידישע אונטערהאלטונגען, וואס ווערן אויסגעפירט פון קינדער, אויך דאס יאר פאראנשטאלטעט הזמיר א קינדער פורים פעסט שבת דעם 19 טן מארטס אין גריפענפעלדס־גאדע 7.

---

## אגודת ישראל׳ס פאלקס־פארזאמלונג

אגודת ישראל, בדנמרק האט איינגערופן צו א גרויסער פארזאמלונג אויף דאנערשטאג דעם 10 מערץ האלב אכט אוהר אין בארופס הויסקולע. די רעדנער זיינען גיוועז די הערן: דר. ש. עהרמאנן פרעזידענט פון דער אגודיסטישער ארץ ישראל ארבייט. די טעמא: »ארטאדאקסי — רעפארם און ציוניזמוס. דער צווייטער רעדנער איז הער: וואולף ש. יאקאבסאן פון האמבורג. דירעקטאר פון קרן־התורה אין דייטשלאנד. זיין טעמא איז גיוועז: „וואס מיר ווילען און וואס מיר לייסטען”.

## »איקאר«ס קאנצערט

לטובת די הילפסקאמיטעט צו העלפן דער אידישער קאלאניזאציע אין רוסלאנד »איקאר« וועט אפגעהאלטן ווערן זונטאג ד. 24 אפריל אין סטודענטערפארעניגען א גרויסן קאנצערט.

דער קאנצערט וועט איינגעלייטעט מיט א פראלאג פון פארפאסער הר. הענרי נאטהאנסען, און פאלגענדע באקאנטע קרעפטן וועלן אויספילן דאס איבריגע פראגראם:

קנגל. אפעראזינגערין פרוי בירגיט ענגעל, קנגל. שוישפלערין פרוי אננא בלאק, קנגל. סאלאטענצערין פרוי עלנא יארגען יענסען, הר. סאלאטענצער לייף ארנבערג, קלאווירווירטואז הר. גונאר יאהאנסען (דער דענישער ברײלאווסקי), שוישפילער ביי דאגמארטעאטער הר. עליט פיא, דער יונגער דענישער דיכטער הר. א. ד. הענריקסען וועט דעקלאמירן רוסיש־יודישע געדיכטן פון רייזין א.א. געווידמעט דער יודישער קאלאניזאציע אין רוסלאנד. הר. שוישפילער אדאלף טעמיאנאף.- נאכן קאנצערט וועט זיין באל ביז 2.

---

**Rettelse:** I den danske Omtale af Ikors Koncert er der indsneget en Fejl i Datoen. Der skal staa: Den **24** April.

---

און שוועסטער פראדוצירן אין זייער אייגענער לאנד.

ליידער קענען מיר גאך ניט דא אין דענעמארק באקומען אלע פראדוקטן פון ארץ ישראל, אבער איינציגע פון זיי האבן שוין דא אין די לעצטע יארן באקומען א צימליך גוט־איינגעארבייטען מארק און איז עס איצט דער חוב פון אונזערע היגע אידן באהילפיג צו זיין צו באפעסטיגן דעם דאזיגן מארק.

פארלאנגט אימער און אומעטום די ארץ ישראל פראדוקטן, שטיצט די אידישע קאלאניסטן, פארשאפט ברויט דעם חלוץ און העלפט פארפלאנצן א נייעם פרדס, וויינגארטן; העלפט אויפארבייטן נייע פעלדער אויף די חורבות פון ציון. געדיינקט, דער גורל פון דעם גאנצן אידישן ישוב אין ארץ ישראל איז אפהענגיג פון ערפאלג אדער דורכפאל פון די „תוצרת הארץ” עקספארט.

לאזט די „תוצרת הארץ” אייך ברייגען א לעבעדיגן גרוס פון דער אידישער קאלאני, די אידישע שטאדט, פון אידישן בויער און ארבעטער, וועלכע בעארבייטן מיט זייער שווייס די בערג פון גליל, די גערטנער פון יהודה און שומרון, די פעלדער פון עמק־יזרעאל און ירדן טאהל.

לאזן אייערע קינדער זעהן און אימער געניסן ביי אייך אין דער־היים די „תוצרת הארץ” און אז זי וועלן פרעגן פון וואנען דיזע פראדוקטן שטאמען, וועט איר זיי דערציילן די געשיכטע פון די „בילוים”, פון די אידישע קאלאני מיט דעם אידישן בויער, פון אידישן חלוץ, וועלכער לייגט „כבישים”, צורייסט פעלזן, רוימט אפ חורבות און פלאנצט־איין אויף זיי גערטנער פון אראנזשען, וויינשטאקן, מאנדלען, באנאנעס און גרינס; אקערן אויף פעלדער פון פון ווייץ און טאבאק.

און זאגט עס אויך אייער ברודער און שוועסטער, אייער פריינט און באקאנטן, ווייל אויב איר ווילט, אז ארץ ישראל זאל אויפגעבויט ווערן, אויב איר האט ליב אייער לאנד, אייער ערד, מוזט איר שטיצן איר פראדוקציע — די „תוצרת הארץ”!

# לאקאלעס.

## אידישער טעאטער־פארשטעלונג.

שבת, דעם 12 מארץ האט דער איד. האנטווערקער־פאראיין אויפגעפירט די אפערעטע »יום החופה« אלס 2־טע גאסט־פארשטעלונג פון שוישפילער אדאלף טעמיאנאף, פאר א פול געפאקטן זאל אין ראנצויסגאדע.

הר. טעמיאנאף איז אונז אלעמען גוט באקאנט. פון לערך צען יאר צוריק האט ער דא אין קאפענהאגן אויפגעטראטן אין אידישן טעאטער און דאמלסט שוין געהאט א שם פאר א צוקונפטיגער שוי־שפילער. הר. טעמיאנאף איז איצט אויף אנ׳עווראפא טורנע און וועט דא אין קאפענהאגן פארבלייבן אייניגע חדשים.

די אפערעטע »יום החופה« האט געהאט א גרויסן סוקצעס. די שטיק האט אין איר גאנצקייט געקראגן א גוטן אויספירונג, און הר. טעמיאנאף אין דער הויפטראלע האט גלענצנט געשפילט. די טרופע האט אונטער זיין לייטונג זייער גוט צוזאמענגעשפילט, און האבן כשר פארדינט דעם הארציגן בייפאל פון דאס פובליקום. אויסגעצייכנט זיך האט די ניין־יאריגע גיטעלע ליפשיץ, וועלכע האט דורך איר שפילן און זינגען געבראכט דאס פובליקום צו געוויין.

צום שלוס — א יישר כח פאר הר. טעמיאנאף, וועלכער האט אונז ווידער פארשאפן א גענוסרייכן אוונט.

## נאטיצן

זונטאג דעם 6. מארץ איז אין זאל פון רומערסגאדע פארגע־קומען אנ׳אוונט־אונטערהאלטונג מיט באל אראנזשירט פון דער אי־דישער ארבייטער לעזע־זאל, לטובות א וואוילטעטיגער צוועק.

די פרל. גוטמאנאוויטש, ד. פארבעראף און ס. ראטץ האבן מוזיקאליש אונטערהאלטן דאס פובליקום, און הר. קראקאווסקי איז שטארק אפלאודירט געווארן פאר זיין אויפלעזן פון שלום עליכם און דעם פארשטארבענעם דיכטער יהואש.

---

זונטאג דעם 20 מארץ וועט אין וויינאלדס לאקאלן פארקומען א טעאטער־בענעפיס־פארשטעלונג אראנזשירט פון אידישן האנט־ווערקער־פאראיין. ס׳וועט אויפגעפירט ווערן »א ווייב אן לשון« קא־מעדיע מיט געזאנג פון ראקאף, מיט שוישפילער אדאלף טעמיאנאף אין דער הויפטראלע.

---

הר. טעמיאנאף טיילט אונז מיט אז ס׳איז אין פארבערייטונג צוויי גרויסע זאכן: די גרויסע אפערעטע »די רומענישע חתונה« און שלום עליכם׳ס שטיק »שווער צו זיין א יוד« וואס האט געהאט א גרויסן ערפאלג אין אמעריקע.

---

# קול-קורא פוז „למעז תוצרת-הארץ“

## שטיצט די „תוצרת הארץ“, די ארץ ישראל פראדוקציע!

שטיטצט די „תוצרת הארץ“, די ארץ ישראל פראדוקציע! דאס דארף איצט זיין דער שטארקסטער לאזונג אין דער אידישער וועלט, און דאס איז אפשר אויך די חשובסדיגסטע, געזונטעסטע און די מייסט ווירקונגספולע שטיצע, וועלכע דאס אידענטום אין גלות קען און דארף איצט געבן ארץ ישראל.

מיר מוזן געפינען אבזאץ־מערק, עקספארט־לענדער פאר די אידישע ארץ ישראל אויסארבייטונגען.

ווילן מיר ארויסהעלפן ארץ ישראל פון שווערן עקאנאמישן קריזיס, וועלכער הערשט איצט דארט, ווילן מיר דארט האבן א א גרויסע עליה, ווילן מיר האבן בליהענדע דערפער און קאלאניעס אין ארץ ישראל, ווילן מיר דארט האבן גרויסע שטעדט, מוזן מיר זארגן דערפאר, אז די ארץ ישראל פראדוקטן זאלן זיך געפינען אין דער אידישער שטוב. — דאס איז דער הייליגער חוב פון יעדן אידן.

דער פראדוקטיווער אידישער ארץ ישראל ישוב רופט צו הילף און בעט, דאס אידן זאלן אומעטום קויפן אידישע ארץ ישראל פרא־דוקטן. די אידישע קאלאניסטן און ערד־ארבייטער פון ארץ ישראל דער אידישער חלוץ, דער אידישער פאבריקאנט און פאבריקס־ארבייטער דארט, דער אידישער האנטווערקער פארלאנגט קיין נדבות אדער געשענק, נאר דאס אידן זאלן אומעטום:

ביי זיך אליין אין דער־היים, ביי זייערע קרעמערס, אין האָ־טעל און אין רעסטאראנט, אין שפייז־וואגן אויפן באהן און אויפן שיף — פארלאנגן די פראדוקטן, וועלכע זייערע אייגענע ברידער

# דאס פויגל וואס האט געזונגען

## פון מ. גאלדשמידט.

נאהנט פון דער שטאדט, וואס פיהרט צו די אינזלען, דאס הייסט די שטאדט יפו, וואס איז געבענטש מיט וואסער און מיט שטן פון בוימער, וואס טראגען פרוכטען און גראזון און בלוימען פון פארשיידענע פארבען, האט אלי, געפאשעט זיין טאטענס סטאדע וואס איז געווען נאהענט ביין זייט פון חיים הכל-בו׳ס גרויסע סטא־דעס. ס׳איז נאך ניט דורכגעגאנגען א דור צייט: פון ירושלים׳ס חורבן, דער בית המקדש און די שטאדט זיינען פוסט און וויסט די וואס האבען געוואגט צו דערנעהענטערען זיך, א קוק צו טאהן אויף די ערטער האט בא זיי אויסגעזעהען ווי עס איז קיינמאל ניט גיווען ג—טס הייליגטום און לעבעדיגע מענטשען, זאלען דארטען קאנען פארוויילן, ס׳האט אויסגעזעהען ווי די ערד האט זיך געעפנט און געשפייט מיט פייער און פליסענדען ערטץ און דערנאך איז אלץ צושמעלצט געווארן אויף שווארצע העסליכע קלומפען א סימן אויף זארג און קללה.

אבער, ווען די הייליגטום איז ארונטער געבראכען געווארען און געלעגען צופוסען, האט ערשט דאס פאלק ישראל באגריפען, אז אויף צוריקשטעלן ג—ט טעמפעל אין זיין פראכט אויף ציון׳ס בארג מוז דאס אויפגעבויט ווערען אין דאס פאלקס הארץ. און קיינמאל איז ניט געווען אזא חושק צו שטודירן די דינים, ווי איצט. ס׳איז א וואונדער געשעהען: רבי יוחנן בן זכאי, דער איינציגער לעבעדי־גער, וואס האט נאך געקאנט די ערקלערונגען פון די דינים, איז ארויסגעטראגען געווארען אין א מיטה פון דער באלאגערטער שטאדט און האט גע׳פועלט ביי דעם קיסר טיטוס צו עפענען א »ישיבה« אין דער שטאדט יבנה. און פון דער מיטה, איז ארויס געשפרונגען דאס אידעשע לעבען. און די אלע וואס האבן נאר געקאנט, האבען געאיילט צו קומען אין יבנה׳ר ישיבה, צו הערען פון די רביאים אדער זייערע תלמידים, צו איינזאמלען די הייליגע לעבעדיגע ווערטער, כדי אז חלילה דער ווארט זאל ניט שטעהען אין סכנה צו באגראבן ווערען צווישען די חורבות. אין דער צייט איז אלי, געווען זעכצען יאהר, און ציפורה, די מעזינקע פון חיים הכל־בו׳ס טעכטער, איז געווען 14 יאהר און זיינען ביידע געווען ראוי לחופה, און זיי האבן זיך געליעבט.

איין טאג האבען זיי געזעהען, אז מען פיהרט חתן־כלה צו דער חופה מיט צימבלען און פלויטען, האט אלי, געזאגט: וואס פאר א גליקלאכער טאג וואלט געווען דער טאג, ווען דו און איך וועלען געפיהרט ווערען צו דער חופה — אבער דיין טאטע וועט בשום אופן ניט דערלויבען דאס!

ציפורה האט געלאכט און געענטפערט: »מיין פאטער וועט זיין צופרידען חתונה מאכן; פון זיין זייט איז קיין הינדערונג ניטא«

אלי, האט גוט באדענקט איהרע ווערטער; ווייל ציפורה איז א שענהייט און איהר פאטער איז רייך, און וועט ניט דארפען בעטען זיך ביי אימעצען, חתונה מאכען זי. נאך א קורצער צייט האט אלי, מיט אנגסט געזאגט: פון דיין טאטען וועט קיין הינדע־רונג נ.ט זיין, צו חתונה האבען, האסטו געזאגט; מיינסטו דען, פון עמעצען אנ׳אנדערען? פון מיר קאן דאס געוויס ניט קומען, און דו ליעבסט דאך מיך, יע, ציפורה — איז דאס ניט אזוי?

ציפורה האט געענטערט:„ דו דארפסט ניט זיין באטריבט און איך צווייפל ניט איבער דיר; אבער, עס מאכט מיר גרויס זארג, ווען מיינע שוועסטערס מענער וועלען דיך אנרופען „עם־הארץ"; אויף דעם אופן וועל איך קיינמאהל ניט גליקלאך זיין".

אלי׳ס ברוסט האט זיך אויפגעהויבען אין גרויסע ברוסט־קלא־פענעש און ער האט געזאגט: „ציפורה, וואס פארלאנגסטו פון מיר?

זי האט געענטפערט מיט א גרויסען בליק: „דאסהעכסטע". דו זאלסט ווערען גרעסער פון אלע מיינע שוועסטערס מענער".

דאן האט אין אלי׳ס פנים געפלאקערט און ער האט אויסגע־שריען: „איך האב ניט געוואגט צו הערן דעם געדאנק, איידער דו האסט געזאגט! דאס העכסטע! איצט איז שוין דאס געזאגט! אין אלמעכטיגען נאמען!

ציפורה האט איהם צוגערוקט איהר שטערן א קוש צו טאהן, זאגענדיג: „דריי יאהר וועל איך אויף דיר ווארטען מיין האר און חתן.

אלי, איז אוועק אהיים און האט געזאגט צו זיינע עלטערען אז ער וויל מאכען א נסיעה קיין יבנה, און האטש זיי האבען ניט געקאנט אנווערן אים פון די סטאדעס, האבען זיי זיך ניט געשטעלט אנטקעגען דעם אויבערשטען און איהם און מ׳האט איהם געבענטשט אויף זיין רייזע, און געגעבען איהם צידה־לדרך.

(פארטזעצונג אין קומענדען נומער)

**איבערגיזעצט פון דעניש פון שמעון אלטשול.**

# פוז דער אידישער וועלט.

## דר. חיים ווייצמאנ׳ס ברודער קומט קיין אמעריקע צו אגיטירען פאר אידעשע קאלאניזאציע אין קרים.

מאסקווע׳ 17 פעב. — שמואל ווייצמאן׳ א ברודער פון דר. חיים ווייצמאן׳ וועט אינגיכען אפפאהרען פון רוסלאנד קיין אמעריקע צו אגיטירען פאר דער אידעשער קאלאניזאציע אין קרים.

די געזעלשאפט צו קאלאניזירן אידען אויף ערד׳ »אזעט«, האט אויף איהר היינטיגער זיצונג באשלאסען צו שיקען שמואל ווייצמאן קיין אמעריקע׳ כדי אויפצוקלערען די אידעשע עפענטליכע מיינונג וועגען דער גרויסער ארבייט׳ וואס ווערט געטאן אין די אידעשע קאלאניעס אין רוסלאנד׳ שמואל ווייצמאן איז איינער פון די אקטיווסטע טוער פון „אזעט״.

---

## מערדער פון אידישען סטודענט אין טשערנאוויץ איז באפרייט פון רומענישען גערִיכט.

טשערנאוויץ, 20 פעב. — ניקאלאי טאטו דער אנטיסעמיטישער גימנאזיסט׳ וואס האט דערשאסען דעם אידעשען סטודענט דוד פאליק אין טשערנאוויצער געריכטזאל׳ איז היינט פרייגעשפראכען געווארען.

דעד אורטייל׳ וואס ווערט באטראכט אלס א שפיי אין פנים צו דער גאנצער אידעשער באפעלקערונג פון רומעניען׳ האט געמאכט א שווערען איינדרוק ניט בלויז צווישען אידען׳ נאר אפילו צווישען די מעהר ליבעראלע גרופען פון רומעניען.

---

## אידישער אויטאנאמער דיסטריקט וועט ערקלערט ווערען אויך אין ווייס־רוסלאנד.

ריגא — די אידישע קאלאניזאציע אין רוסלאנד וועט פיהרען דערצו אז א אידישער אויטאנאמער דיסטריקט זאל פראקלאמירט ווערען ניט בלוז אין קרים׳ נאר אויך אין ווייס־רוסלאנד.

אזוי האט ערקלערט דער פארזיצער פון דעם ווייס־רוסישען „געזערט״׳ בונין.

בונין האט אונטערשטראכען׳ אז די ווייס־רוסלענדישע רעגירונג שטרעבט צו שאפען א אידישען ראיאן אין ווייס־רוסלאנד און דערפאר ערמוטיגט זי די אידישע קאלאניזאציאן מיטן גאנצן הארצן.

## האמלער רב אלס קאנדידאט אין ארטיגען סאוועט.

ריגא — דער בארימטער האמלער רב שנייערסאהן איז איצט א קאנדידאט אין די וואהלען צו דעם נייעם סאוויעט׳ וואס דארף פארקומען אין האמלע.

הרב שנייערסאהנ׳ס קאנדידאטור אלס דעלעגאט צום האמלער סאוויעט האט גוטע טשאנסען. לויט אלע ווארשיינליכקייטען וועט דער רב ערוועהלט ווערען אלס מיטגליד פון סאוויעט.

---

## 18 אידען פאר׳משפט צו טורמע אין רומעניען פאר פארטיידיגען שול געגען כוליגאנישען אנפאל.

בוקארעסט׳ פעב. 23 — 18 אידען זיינען היינט פאראורטהיילט געווארען צו פארשיידענע טערמינען טורמע׳ און פיר אידען צו פיר מיליאן לעי געלט שטראף׳ דערפאר וואס זיי האבען פארטיידיגט די אידישע שול אין פיאטרא־נעמעץ׳ ווען אנטיסעמיטישע כוליגאנעס האבען געמאכט אן אנפאל אויף דער שול.

די כוליגאנעס זיינען באשטאנען מעהרסטענס פון רומענישע סטודענטען. זיי האבען דעם איבערפאל אויף דער שול אין פיאטרא־נעמעץ געמאכט לעצטען יום כפור׳ ווען אלע אידען זיינען געווען אין שול.

פארשטעהט זיך אז די אידען האבען זיך דאן געמוזט שטעלען אנטקעגען די כוליגאנעס׳ און היינט איז פארגעקומען דער פראצעס אויף דער גרופע אידען וואס האבען זיך פארטהיידיגט.

---

## אידען קריגען נאציאנאלע מינדערהייטס־רעכט אין בולגאריען

בערלין׳ פעב. 21 — די רעכט פון דער אידישער באפעלקערונג אין בולגאריען איז היינט אנערקענט געווארן דורך דער בולגארישער רעגירונג׳ לויט א באריכט וואס איז אהער איבערגעגעבען געווארען פון סאפיא.

# קאפענהאגענער טריבונע

(אונפארטייאישע צייטשריפט)

ערשיינט יעדע צווייטע וואך.

15. מארץ 1927 * נר. 1 — 1־טן יארגאנג * י"א אדר שני תרפ"ז



## די פאראיינעז און די טריבונע.

ס'איז ניט לייכט צו נעמען אויף זיך די אחריות פון אנ־אונפארטייאישע צייטונג, וואס טראגט אויף זיך דעם נאמען »קאפענהאגענער טריבונע«, דאס הייסט, אז אלע פאראיינען האבען דאס רעכט אויף א פלאץ אין דער צייטונג; איז דאך דוכט זיך גאנץ שעהן, פיין און גוט. שיקן מיר ארויס צירקולארען צו די פאראיינען מיט דעם גלויבען, אז זיי וועלן געבן תיכף ומיד אן ענטפער. לאזט זיך גאר אויס עורבא פרח. בלייבט דאך די קשיא, פון וואנען פאנגט מען אן?

קומט גאר פשוט א לויף־צעטעל אונטערגעשריבען פון 6 פאראיינען און דאס איז געקומען אונז צוהילף. דער לויף־צעטעל לאדט איין צו א פארזאמלונג, צוליב דער סיבה, וואס די קינדער אנטלויפן פון זייערע עלטערען און ווערען אסימילירט. דער פראטעסט איז אייגענטליך געריכטעט אויף דער געמיינדעס קינדער־שולען, דאס הייסט, אז די זאך איז א גאנץ ערנסטע, דאס אנבאלאנגט דאס גאנצע אידעשע סביבה אין קאפענהאגען. דארטען וועלען מיר באקומען שטאף פאר אונזער צייטונג, — א קלייניגקייט, די קינדער אנטלויפן פון זייערע עלטערען?.

אריינקומענדיג אין פארזאמלונגס־זאל און א בליק געטאהן אויף די פארזאמעלטע, האב איך פארשפיצט די בליי־פעדער, און האב געמיינט, אז דא וועל איך חאפען פיש, פאר אונזער צייטונג, דארטען וועלן אונזערע חכמי חרשים געבען אונז שכל און פארשטאנד, לאזט זיך גאר אויס א ביידעם און פאליצע.

די פארזאמלונג האט גיעפנט הער גאלדין מיט די ווערטער: »דער רעדנער איז ניט געקומען! נאר ער גלויבט, אז ער וועט קאנען דורכפהירען דעם רעפעראט אין גוטען ארדענונג, און ער פאנגט אן מיט דער פראגע פון די נויטווענדיגקייט: צו לערנען די קינדער אידעש, בנוגע דעם פראטעסט אנטקעגען די געמיינדע־שולן האט ער זיך געהאלטען קארעקט, ווײלע די געמיינדעס שולען זיינען אויך קארעקט. פראטעסטירן און באקלאגן זיך אויף זיי איז כמעט א פארברעכען. די געמיינדישע שולען האבען בעסערע לעהרער און בעסערען אונטעריכט ווי די קאמונע שולען. בנוגע לערנען אידעש אין די געמיינד־שע שולען, איז שוין איבער הונדערט יאהר ניט געלערנט געווארן קיין אידעש.

דער חיסרון ליגט ניט אין די שולען, נאר אין די היימען און די חדרים. דארטן דארף מען דאס זוכען, און אז יגעתה מצאת, אז מיר אלע זאלן דאס זוכן וועלן מיר ס געוויס געפינען.

געעהרטע אידעשע פאראיינען! דער אמת מוז געזאגט ווערן. האלטען רעדעס אויף פארזאמלונגן, קאן מען ריירען שעה'ן־ווייז און גאר נישט פועל'ן אפילו אויף א האר, און נאך מעהר עס מאכט נאר שטרייטונגען און דער פועל־יוצא איז, אהיים געהענדיג זעט מען זיך ארום און מ'קומט אהיים מיט דאס וואס מ'איז געקומען.

געעהרטע פאראיינען! מיר גיבען אייך די התראה צו באדענקען זיך, איבער די ווייניגע אמת'ע ווערטער.

זיי זאגען: אז דאס וואס ווערט געלייגט שווארץ אויף ווייס שחור על גבי לבן קאנען ניט אויסגעווישט ווערען און דערפאר ווען א זאך ווערט דיסקוטירט אויף דרוק, ווערט זי גענוי באדיינקט און פארגעלייגט אויף אזא אופן, אז זי קאן צוגעטראטן ווערען פון אלע צדדים. — דארפן די פאראיינען וויכטיגעס באשליסן, און דארף אזא הארבע קשיא ווי די קינדערס אנטלויפן דיסקוטירט ווערן דאן טוט עס אין »קאפעגהאגענער טריבונע« באזוכט די רעדאקציע און איהר וועט צופרידען זיין!

שמעון אלטשול.

# Kopenhagener TRIBUNE

(Upartisk jødisk Tidskrift)

Udgivet og trykt af M. Altschuls Bogtrykkeri.
Ansvarshavende: SIMON ALTSCHUL.
Ravnsborg Tværgade 6 - Telef. Nora 25 50 y.

Udkommer hver 14. Dag.
Abonnement: Kr. 1,50 pr. Kvartal. I Udlandet: Kr. 1,75
Anoncepris: 20 Øre pr. mm.

Nummer 2 * 29. Marts 1927 * 1. Aargang

## Til den jødiske Ungdom.

„I Almindelighed bestaar den jødiske Koloni i København, som er indvandret fra Rusland og Polen, af saadanne Elementer, der ikke besidder den elementære Dannelse, som ikke har den mindste aandelige Trang". En saadan Udtalelse faldt ret upaatalt hen paa en Konference med de jødiske Foreninger indkaldt af Skandinavisk jødisk Ungdomsforbund.

Vi vil ikke fremhæve, hvem der fremkom med denne Udtalelse, ej heller vil vi befatte os med at karakterisere den Person, der udtalte sig saaledes; men at der ikke blev taget til Genmæle af Forbundet, vil vi ikke lade gaa upaaagtet hen.

Blandt de Foreninger, der staar under Forbundet er ogsaa „Hoivri Hazoir" og „Jeschurun". Disses Medlemmer bestaar mestendels af den opvoksende Ungdom af ovennævnte fra Rusland og Polen indvandrede Koloni.- Naar Forbundet saaledes ved sin Stilletien har samtykket denne Udtalelse, kan vi med Beklagelse konstatere, at der foreligger en grov Fornærmelse mod den jødiske Koloni i Almindelighed og Størsteparten af Forbundets Medlemmer i Særdeleshed. For hvem af os bliver ikke fornærmet og vred, naar vore Forældre bliver trukket frem og betegnet som Elementer, der ikke har den allermindste Smule Dannelse!

Havde der i det mindste været noget om denne Udtalelse, saaledes at vi maatte skamme os med vore Forældre, var vi sikkert blevet Forbundet taknemmelig for dets Tavshed; det havde da været en Berøring med en udelikat Sag, og Fornuften tilraadet Stilhed og Fortielse.

Men dette er ikke Tilfældet. Tværtimod vi skammer os ikke med vore Forældre, vi er derimod meget stolte af dem.

Hvem er det, der har ledet os paa den rette Vej til at holde fast ved Jødedommen, dens Kultur og flertusindaarige hævdvundne Traditioner?

Hvem er det, der har faaet os til at føle, at vi hører til det udvalgte Folk, der saa længe Kulturen har bestaaet og vil bestaa, har været og vil være det førende blandt Folkeslagene?

Det er vore Forældre, der ved deres Intelligens, Dannelse og Vilje, under de vanskeligste Forhold, har ledet os paa de rette Spor. Dem skylder vi alt!

Kom saa ikke og kast Snavs paa dem, for saa kunde det nok være, at vi kastede Snavset mangefold tilbage, saaledes at d'Herrer vilde faa Vanskelighed med at vaske sig ren igen.

Vi kan finde os i meget, men vi vil aldrig finde os i, at de — som faktisk skulde være vore Førere, og som skulde føre os videre paa de gode Veje, vore Forældre har anvist — stiltiende samtykker uværdige og falske Udtalelser om dem, vi holder af! △

# Jødisk Initiativ i Amerika.

Enhver Mand, der skaber sig et Navn i Amerika, drømmer om at sætte sig selv et Monument, helst i Form af en Skyskraber. Et saadant Monument har Samuel A. Rothapfel, den berømte jødisk amerikanske Films- og Teatermand, skabt sig, ved Bygningen af Verdens største Films-Teater „Roxy", som er blevet aabnet i New-York i denne Maaned.

Roxy, der er bygget i spansk Renaissance Stil, er egentlig beregnet til Filmsteater, men vil ogsaa blive benyttet som Musikhus. Den har de bedste og moderneste Indretninger for en Talescene, hvis Form og Mekanisme er vidt forskelligt fra de hidtil anvendte. Saaledes er Scenen trekantet i Stedet for almindeligvis kvadratisk, hvilket er den nyeste Fordring i den moderne Sceneteknik. Teatret har 6200 magelige Siddepladser og de akustiske Forhold er ideale. En vidunderlig smukt udstyret Foyer kan rumme 2000 Mennesker. Ved Siden af Scenen er indrettet et specielt Værelse til at frembringe Klang- og Larmeffekter, der illuderer Handlingen paa Lærredet eller Scenen. Roxy er den første og hidtil eneste Teateretablissement i Verden, der har sit eget Hospital med en moderne Operationsværelse og alle andre Hospitalsindretninger samt egen Lægestab. Paa Musikkens Omraade har Mr. Rothapfel intet ladet mangle. Foruden det store 110 Mands Orkester med Tilknytning af 4 Dirigenter, der alle er Navne indenfor Musikverdenen, er der sat tre Orgler op; en i Teatret, en i Foyeren og en i Radioudsendelses Stationen, som ogsaa forefindes i Komplekset.

Man kan i Sandhed sige, at det er et pragfuldt Monument Samuel A. Rothapfel har skabt for sig og for den jødiske Initiativ og Foretagsomhed.

## K. K. L.'s Soirée.

Som Afslutning paa Jubilæumsfestlighederne afholder Keren Kajemeth Lejsrael en Soirée med Dans, Torsdag d. 31 Marts 1927 i Axelborgs Selskabslokaler.

Herr Dr. Werner Bloch holder Indledningstalen og desuden medvirker Frk. Helga Carl Melchior, som holder Foredrag med Lysbilleder om en Palæstinarejse, Koncertsangerinden Frk. Kamma Nielsen og den jødiske Sangforening „Hasomir" under Ledelse af Herr Dirigent M. Beresowsky.

### Meddelelse fra „Ikor"

Følgende Numre er blevet udtrukket:
1009 — 478 — 1911 — 505 — 1170 — 1096 — 66
560 — 1857 — 1443 — 1584 — 1000 — 154 — 1320
1286 — 1093 — 657 — 864

Gevinsterne kan afhentes indtil 15 April hos Hr. N. Klas, Fælledvej 15.

Bestyrelsen.

### Læs dette paa Fredag!

Den mos. Drengeskole og Carolineskolen har indført Jiddisch som Undervisningsfag.

Jødisk Folke-Hus' Aktiekapital er overtegnet.

Lichten paastaar, at den jødiske Koloni i København er den mest dannede i Verden.

Alle Medlemmer af „Jeschurun" ved, hvad dette Ord betyder.

En rumænsk Pogromstifter og Morder er af Retten i Tzernowitz, blevet dømt til Døden.

Forleden blev der i d'Angleterre afholdt en jød. Soirée, uden at der blev gjort Publikum opmærksom paa h v o r de befandt sig.

Palæstina-Cigaretten har fortrængt Adamas.

**Da er det den 1. April!**

**Abonnér paa „Kopenhagener Tribune"**
Bladet maa ikke mangle i noget jødisk Hjem.

## DANSK KARTOTHEK FABRIK

**RUD. C. DRUMM**

Alle Slags Kartothekmapper — Ledekort — Alfabeter — Fanekort — Noteringskort
Registre — Brevordner — Bortlægningsmapper — Kortrytter — etc.
— FORLANG TILBUD. —

PILESTRÆDE 40 TELF. BYEN 4041

Værksted og Udsalg af Guld-, Sølv-, Bronce- og Tinarbejde.



Barmitwoh- Konfirmations- Bryllups- og Fødselsdags-Gaver.

Alle Reparationer udføres

**Baruch Griegst**

Sølv- og Guldsmed

**Niels Hemmingsensgade 18, Kld.**

**Telf. Byen 7256**

## W. B. COHN

**Kød Udsalg כשר**

under Tilsyn af Overrabbiner Dr. Friediger

**St. Kannikestræde 3 - Telf. Central 12260**

Al Slags saltede og røgede Varer samt al Slags Fjerkræ sælges til Dagens billigste Pris.

**אלע אידן דארפן זיך לאזן פאטאגראפירן**
**ביי דעם אידישן פאטאגראף**

ווייל ער פירט אויס ערשט קלאסיגע ארבייט צו ביליגע פרייזן.

**M. SCHOFFER**

**Vesterbrogade 56 Telf. Vester 82 x**

## Alt Snedkerarbejde

Nyt saavel som Reparationer udføres

**Forlang Tilbud**

**Vilh. Andersen**

Ravnsborg Tværgade 6 Telf. Nora 756 x

## M. Altschul's Bogtrykkeri

Ravnsborg Tværgade 6 - Tlf. Nora 2550 y.

## PALÆSTINA CIGARETTER

fremstillet af den verdensberømte ægte Palæstina Tobak
er nu kommet i Handelen ogsaa her i Landet i følgende Mærker:

„AZRA" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . en 4 Øres Cigaret i Æsker a 20 Stk.
„THE PALESTINE-CIGARETTE NR. 17" en 6 Øres Cigaret i Æsker a 20 Stk.
„THE PALESTINE-CIGARETTE NR. 18" en 8 Øres Cigaret i Æsker a 25 Stk.

**Forlang dem hos Deres Cigarhandler**

**„KARMEL" Lavendelstræde 1-3**

**Telf: 9087 - 11729**

**Enelager for Skandinavien**

**לייענט און פארשפרייט די קאפענהאגענער טריבונע!**

איז גוט!" און באלד נאכדעם, איז געקומען דער שמש פון בית המדרש און האט צו איהם געזאגט, אז ער זאל קומען צום רבי אין אוונט ווען די שטערן זיינען אויפן הימעל.

ווען אלי, איז געווען אליין, איז ער געפאלן כורעים און האט געזאגט: מיין ג — ט! ווי בארעמהערציג דו ביסט און העלפסט מיר צו איבערגעווינען דעם נסיון און באלוינסט מיר מיט אזא כבוד פאר דאס, וואס איך האב אויסגעפירט דורך דיר! מיין ג — ט! מיין ג — ט!

אין אוונט האט דער רבי גענומען איהם אויפן דאך פון הויז און האט איהם געוויזן די ארמיע פון די שטערן און האט איהם ערקלערט זייער גאנג ארום דער ערד, און די תקופות און די ימים־טובים, און ווען אלי, איז געווען איבערגעבן פון זיין מאיעסטעטס גרוסקייט אין וויסענשאפט און זיין מאכט, האט ער געפרעגט, איבער די זאכן, וואס זיינען באהאלטן הינטערן גלאנץ אין דאס גרויסע טי־פענעש, דער רבי האט אויפגעהויבן איינע פון די סודות-דיגע פליגען, ער האט אבער געזאגט: ווייטער קאן קיינער ניט ארינגעהן.

אלי, האט געפרעגט: רבי, פארוואס איז דאס אזוי, וואס די נשמה בענקט אזוי שטארק צו ארייננקוקן אין די ספירות, איין מאהל מוז מען דאך קומען דערצו; גראד דא אונטן, וואו עס בענקט זיך שטארקער, איז פארצויגן א ענגער גרענעץ, ווי איהר רבי, זאגט »אפילו אויך פאר די אויסדערוויילטע?"

מיין זון! דערפאר איז אונז געגעבן „צוויי אויפגאבען" האט דער רבי געענטפערט. »מיר זאלן זעטיגען אונזער נשמה מיט אנערקענונג; אבער מיר דארפן אויך לעבען אויף דער ערד און פלאנצען דורות און שאפן ערדישע פארגעניגענסען, אויף ווי ווייט דער אויבערשטער שטעלט זי צו. דערפאר איז אונזער ערדישע טייל, א הינדערונג פאר אונזער הימלישע טייל, זי איז גאנץ אין שויען, קאן א שטארבענדער מענטש האלטן זיך ריין פון אלע באגערונגען, דאן קאן ער זעהן דעם אויבערשטן"

(שלוס אין קומענדען נומער)

# לאקאלעס

דעם 19 מארץ האט דער אידישער געזאנג פאראיין »הזמיר" פאראנשטאלטעט א פורים פעסט פאר קינדער, צווישן אנדערע פארווילונגען איז אויך געווען א טעאטער פארשטעלונג אופגעפירט פון קינדער און אינסטרואירט פון קראקאווסקי.

זונטאג דעם 20 מארץ איז אין וויינאלדס לאקאלן פאגעקומען אטעאטער פאשטעלונג אראנזשירט פון אידישן האנטווערקערפאריין. ס'איז אויפגעפירט געווארן א קאמעדיע פון ראקאף, אווייב אן לשון מיט הער שוישפילער טעמיאנאף אין דער הויפט ראלע.

זונטאג ד, 3־טן אפריל אין רוימערגאדעס פעסט־זאל, וועט פארקומען א טעאטער פארשטעלונג. ס'וועט אויפגעפירט וועען »צוריק צום פאלק" א לעבענס בילד פון לעאן קאברין, מיט הער טעמיאנאף אין דער הויפט־ראלע.

אלס אבשלוס פון די פעסטליכקייטן פארן קרן קימת לישראל'ס 25 יאריקן יובילעום, וועט אפגעהאלטן ווערן אסואירע דאנערשטאג ד. 31 מארץ א"ן אקסעלבארגס לאקעלן. הר. דר. ווערנער בלאך וועט האלטן די פעסט־רעדע און ס'וועלן אנטייל נעמן פרל. העלגא קארל מעלכיאר, וועלכע וועט האלטן א פארטראג מיט ליכט-בילדער, קאנצערט־זינגערין פרל. קאמא נילסען, און דער אידישער געזאנג פאראיין „הזמיר" אונטערן לייטונג פון דיריגענט מ. בערעזאווסקי.

## באקאנטמאכונג:

דאנערשטיק דעם 17־טן מארטס, איז פארגעקומען די גרינדונגס פארואמלונג פון דעם ניי געגרינדעטן פאריין, אידישער מוזיק פאריין „יוגנט". דער פאריין שטעלט זיך פאר אנופגאבע, צו ענטוויקלען אידישע מוזיק בכלל, די מאדערנסטע אידישע קאמפאזיציע וואס זענען פאר דער לעצטער צייט געשאפן געווארן, „בפרט". אויך שטעלט זיך דער פאריין פאר אנופגאבע, צו שטיצן מאטעריעל לויט די מעגליכקייט די בעסער באגאבטע מוזק שטודירנדע. דער פאריין וועט אפהאלטן פעריאדישע קאנצערטן, וואס דער איבערשוס וועט גיין פאר דעם אויבן דערמאנטן צוועק, דער פאריין נעמט אן מיטגלידער אין ארקעסטער, זיך ווענדן טעגליך ביי הר. וו. ליפשיץ, באגעסענס־גאדע 33 2־טן זאל, ווי אויך יעדן דאנערשטיק פון 8 — 10 אין לעזע זאלס לאקאלן קיבמאגער גאדע 3 דריטן זאל.

די אידישע ארבעטער לעזע־זאל מאכט באקאנט איר אפריל פראגראם:

שבת דעם 2־טן אפריל, ווערט אפגעהאלטן אטרויער אוונט נאכ'ן פארשטארבענעם אידישן דיכטער „יהואש" הר, ביילין וועט ריידן און הר, קראקאווסקי וועט פארלעזן.

שבת ד. 9־טן אפריל, 9 אוונט פר. וועט נ. קלאס האלטן א פארטראג איבער די טעמע »פראלעטארישע קולטור« מיט דיסקוסיאן.

שבת ד. 16-טן אפריל 9 אוונט פר. וועט פארקומען א היפנאטישע סיאנס, עס וועט זיין זייער אינטערעסאנט און באלערנט

שבת ד. 23־טן אפריל 9 אוונט, וועט הר. סטודענט נ. סאבאל האלטן א פארטראג איבער »קנוט האמסון'ס ווערק«.

שבת ד. 30־טן אפריל 6 אוונט פר. וועט הר, ביילין האלטן א פארטראג איבער דער טעמע „די אידישע פרוי אין פארלוף דער אידישער געשיכטע". געדיינקט: די אויבן דערמאנטע דאטומס באזוכט צאלרייך,

# דאס פויגל וואס האט געזונגעז

## פון מ· גאלדשמידט·

אין יבנה זיינען געווען פיעל טויזענטער תלמידים· און ווען זיי זיינען געזעסן ארום זייערע רבנים· האט מען ניט געקאנט זעהן איינער דעם אנדערען איבער דער גרויסער ישיבה און דערפאר האט זיין ראש הישיבה ניט געווארפן אנ׳אויג אויף אלי׳ן· אבער איין טאג ביין ארויסגאנג פונדער ישיבה· האט איהם זיין רבי געזאגט: »ווער ביסטו?«

אלי׳ האט קאם געקאנט ענטפערן פון זינען־באוועגונג פון דאס גרויסן כבוד· וואס דער רבי האט מיט איהם גערעדט· ער האט אבער דאך געענטפערט: „דאס העכסטע".

דער רבי האט איהם געפרעגט: וויאזוי בעסט דו ג — ט?

אלי׳ האט געענטפער: איך בעט ג — ט ער זאל אויפבויען דעם בית־המקדש און בענטשן זיין פאלק· און ניט פיהרן מיך אויף א נסיון".

דער רבי האט צו איהם געזאגט: „דער וואס זוכט דאס העכסטע· דארף ניט מורא האבען פאר א נסיון, נאר בעטען· אז מ׳זאל געשטעלט ווערען אויף א פראבע«·

אין דעם זעלבן אוונט האט אלי׳ וויינענדיג געבעטעט ג — ט׳ אז ער זאל געפיהרט ווערן צו א נסיון אבער אויך צו אויסהאלטען אויך איבער די כוחות אנטקעגען דעם נסיון«·

איינע פון די נאהענטסטע טעג· איז געקומען דער מאן· אויף וועמענס דאך ער האט געוואוינט בא צו אלי׳ן אונטער זיין הויז און האט געזאגט: »מיין ברודער, דו קאנסט וויזן ג — ט און מיר אדינסט צו באשיצן מיך אנטקעגען א שלעכטען מאן· איך האב איהם באצאלט הונדערט שקלים זילבער· אבער איך האב פארזוימט צו ברייגען די עדות אויפן ארט· איצט לייקענט ער· אז ער האט גאר ניט גענומען געלט פון מיר· באמת· דעם אויבערשטן קאן ניט זיין געפעליג אז א שווינדלער זאל דערפון געניסן, און אזוי ווי דו ווייסט דאך דעם אמת· קאנסטו עדות זאגען· און איך וויל פאר דיין גוטער הילף געבען דיר 50 שקלים".

אלי׳ האט געענטפערט: וויאזוי קאן איך עדות זאגען· אז איך האב ניט געזעהען· וואס מיינע אויגען האבן ניט געזעהען?·

דער אנדערער האט גיענטפערט: דו! דארף מען נאר עדות זאגען דעם אמת· און דאס קאנסטו דאך! אבער דו צווייפולסט איבער דאס וואס איך האב געזאגט דעם אמת?

איך האב קיין ספק ניט· אבער מ׳קאן דאך נאר עדות זאגען איבער א זאך וואס מיינע אויגען האבען געזעהען און מיינע עווערן האבן געהערט"·

ווען אלי׳ איז געקומען אין דער ישיבה· האט דער רבי א קוק געטאן געגוי אויף זיינע אויגן און האט געזאגט; „ס׳איז גוט".

אלי׳ האט געבענטשט און געלויבט דעט השם־יתברך הוא דערפאר· וואס דער נסיון איז געווען ניט קיין שווערער· מ׳האט אים געגעבען א לייכטן נצחון·

נאך א ביסל שפעטער אין דער צייט· איז געקומען זיין ווירט צו איהם און האט געזאגט: „איך האב געדענקט איבער אייער האנדלונג· ווען איהר האט אפגעשלאגן פון זאגען עדות פאר מיר· איך האב אנ׳ערקענט· אז איהר· שטרענג גערעדט· האט רעכט געהאט איהר זייט א בראווער יונגערמאן און איך וויל אייך גוטס טאן· איר קאנט פון מיר ךארלאנגען א טובה·

אלי׳ האט געענטפערט מיט א דאנק· ער האט ניט פארדינט און באגעהר גארנישט· דער אנדערער האט געזאגט: „וויאזוי זאל אונז געהן גוט· אז מיר באקומען גארנישט· אויסער דאס וואס מיר האבן פארדינט! איך זאג אייך· אז פיעלע פון אונז האבען אפילו ניט דעם טרוקענעם ברויט· ניט ריידענדיג וועגן פרישע וואסער און זאפטיגע פרוכטען! קום· איך ווייס דאך· אז איהר נאך דריי יארען ווערט איהר א רבי· און וועט חתונה האבען מיט חיים הכל־בו׳ס שעהנע טאכטער. אבער פארוואס זאל דאס זיין אזוי לאנג? איך האב א פריינד א רבי· וועלכער קאן אייך אין דריי חדשים ערקלרן אייך פאר א רבי· און דאן קאנט איהר ציהען אהיים צו אייערע עלטערען און זיין גליקלאן מיט צפורה׳ן·

עס איז דורכגעגאנגען ווי א פייער־שטראל דורך אלי׳ס בלוט בא דעם געדאנק· אז ער קאן צוריקערן אהיים אין דריי חדשים ארום צו חתונה האבן מיט ציפורה׳ן: אבער ער האט זיך באדענקט אז דאס איז ניט געווען איר מיין· ווייל זי האט איהם אנגעבאטן· געה· און זוך »דאס האכסט« און האט געשווארן צוווארטן אויף איהם דריי יאהר· דערפאר האט ער געדאנקט דעם מאהן· און האט זיך געאיילט ארוסגעהן·

דעם צווייטן מאהל ווען ער איז געקומען אין ביח המדרש האט דער רבי אריינגעקוקט אין זיינע אויגען און האט געזאגט: עס

# פון דער אידישער וועלט·

## אידישע סטודענטען ווערען ווידער אמאל ארויסגע־טריבען פון ווילנער אוניווערזיטעט

ווילנע׳ מערץ 9 — קריסטליכע סטודענטען פון דעם אנאטא־מישען פאקולטעט ביי דער ווילנער אוניווערזיטעט האבען היינט ווידער אמאל ארויסגעטריבען די אידישע סטודענטען פון דעם אנא־טאמישען קליניק·

די אידישע סטודענטען זיינען שוין אייניגע וואכען צייט ניט געווען אין קליניק׳ דערפאר וואס מען האט זיי פשוט געצוואונגען ניט צו קומען· זיי האבען זיך איצט געווענדעט צום דירעקטאר פון אוניווערזיטעט׳ וועלכער האט זיי ענדליך ערלויבט צו קומען·

ווען די אידיש סטודענטען האבען זיך היינט ווידער באוויזען אין דעם אנאטאמישען קליניק׳ זיינען זיי באפאלען געווארען פון קריסטליכע טטודענטען׳ וועלכע האבען זיי ווידער געצוואונגען צו פארלאזען די געביידע·

## ציוניסטישער קאנגרעס וועט פארקומען אין סעפטעמבער

לאנדאן׳ מערץ 10 — דער קומנדיגער קאנגרעס וועט פאר־קומען אנפאנג סעפטעמבער היינטיגס יאר׳ אויב די רעקאמענדאציע פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע צו דעם אקציאנס קאמיטעט וועט אנגענומען ווערען·

עס איז היינט באוואוסט געווארען׳ אז די ציוניסטישע עקזע־קוטיווע האט געמאכט א פארשלאג צום אקציאנס קאמיטעט׳ אז דער קומענדיגער קאנגרעס זאל גערופען ווערען אויף דער ערשטער וואך אין סעפטעמבער׳ און זאל אפגעהאלטען ווערן אין איינער פון די שטעדט פון מזרח־אייראפע.

## איזראעל דאוויס לאזט 40,000 פונט פאר פאלעטינע

ירושלים׳ מערץ 10 — א סומע פון פערציג טויזענט פונט איז פארזאגט געווארן פאר פאלעסטינער אינסטיטוציעס אין דער צואה פון איזראעל דאוויס׳ דער געוועזענער „דירעקטאר פון לאנדאנער „דזשואיש קראניקעל׳ דאוויס איז געשטארבן אין לאנדאן דעם 12־טן יאנואר·

## איבער 100,000 אידען אין מאראקא

ירשלים׳ — א צאל פון 107.512 אידען וואוינען איצט אין מאראקא אונטער דער פראנצויזישער הערשאפט· לויט סטאטיסטישע ציפערן׳ וואס זיינען היינט פארעפענטליכט געווארען·

## אידן פון קראקא און לעמבערג קריגען זייערע קאנ־צעסיעס פון דער פוילישער רעגירונג

ווארש׳ מערץ 14 — די געפאר׳ אז פיער טויזונט אידען זאלן פארלירן זייערע קאנצעסיעט אין פוילען׳ איז היינט פאראיבער, ווען די באראנדלונגען צווישען די אידישע סיים־דעפוטאנטען און דעם פוילישען פינאנס־מיניסטער האבן זיך געשלאסן מיט גרויס ערפאלג· דער מיניסטער האט איינגעשטימט׳ אז די אידען פון קראקער און פון א טייל לעמבערגער געגענט זאלען צוריק־קריגען זייערע קאנ־צעסיעס אוף טאבאק און אייך ספירט·

וואס אנבאלאנגט די אידישע קאנצעסיעס אין קאנגרעס־פוילען האט דער מיניסטער צוגעזאגט׳ אז טיילווייז וועלן אזעלכע קאנצעסיעס אויך צוריק געגעבן ווערען צו די אידען׳ וואס האבען זיי געהאט.

## א אידעשער ערפינדער קריגט א מעדאל פון דער דייטשער רעגירונג

וואשינטאן מערץ 14· עמיל בערלינער׳ דער באוואוסטער אי־דישער ערפינדער פון וואשינגטאן׳ וועלכער איז פאראנטווארטליך פאר דער בעסערנג פון דעם טעלעפאן׳ האט היינט געקראגען אן עהרען־ארדען פון דעס דייטשען „רויטען קרייץ” אלס אן אנערקע־נונג פאר זיין הילפס־טעטיגקייט לטובת די הונגער־ליידענדע קינדער אין דייטשלאנד· דער ארדען איז איבערגעגעבן געווארען צום אידישאן ערפינדער דורך דעם דייטשען אמבאסאדאר׳ פאן מאלצמאן דאס איז צום ערשטן מאל׳ וואס אזא ארדען ווערט ארויסגעגעבען צו א ניט־דייטשען בירגער.

אראביש, העברייאיש, האבן זיי זיך אפגעטרייסלט דערפון ווייל ס׳איז גישריבן אף אונזער אידעשער שפראך. דאס האב איך אייך נאר·געוואלט אופמערקזאם מאכן

הר. גאלדין (לעזע־זאל) ווייזט אוף אז די דערקלערונג און די ציפערן, וואס הר. ליכטען לייגט דא פאר, זיינען פאלש פון אנהייב ביזן סוף: ערשטנס, ס׳זענען דא אין לעזע־זאל 150 מיטגלידער די לעזענדיג מיטגלידער ווארירן פון 75 - 95. צווייטנס באווייזט עס נאר, ווי אומבאקאנט הר. ליכטען איז, מיט די פארהעלטנישע וועלכע ער רעט, טראץ דעם וואס ער איז א מיטגליד אין לעזע־זאל, ווייסט ער אפילע ניט וועלכע ביכער זי פארמאגט, ער וואלט זיך נאר באמיט און אריינגעקוקט אין קאטאלאג, וואלט ער געזען, אז מיר האבן נאר ערשטע קלאס ליטעראטור, פון אלע אידישע קלאסיקער און די גרעסטע אידישע און אייראפייאישע דיכטער, אויסער די אלעלרעצטע, וועלכע מיר גייען איצטער אויסשרייבן.

הר. ליכטען (ליי־קאסע) ווי קענט איר זאגן אז איך ווייס ניט! איך בין דאך לעצטן יאר געוועזן רעוויזאר אין לעזע־זאל!

גאלדין (לעזע־זאל) מיט דעם לעצטן פאקט, איז נאך דייטליכער געווארן דער בילבול, ווייל אום צו וויסן וויפל לעזער עס זענען דא, נוצט ניט צו רעווידירן דאס קאסע־בוך; נאר דעם ביבליאטעקס בוך: דארטן האט הר. ליכטען אפילו ניט אריינגעקוקט.

מיט דער איטערמעצע, האט זיך די קאנפערענץ געשלאסן.

# געדאנקען וועגן דער קאנפערענץ.

קיין צווייפעל אז עס זיינען דא עלעמענטן צווישן דער אידישער יוגענט וועלכע האבן געוויסע אידעאלן פאר וועלכע זיי זיינען בערייט צו קעמפן; נאר ווי אזוי דאס אנצוגרייפן איז נאך ניט ריכטיק קלאר. און מען מוז אייך צוגעבן אז עס איז ניט קיין לייכטע אויפגאבע פאר די יונגע.

די דעניש אידישע געמיינדע וועלכע האט געטאהן אלץ וואס איז געלעגן אין איהר מאכט צו דערציהן די יונגע אלס פרומע און גוטע אידן, האט זיך נישט ריכטיק איינגעגעבן.

די יונגע האבן אנגעפאנגן צו גייהן זייערע אייגענע וועגן און זיך גענומען גרינדען זייערע אייגענע פאראיינען.

סוף כל סוף ווייזט זיך ארויס, ווי קליין ס׳איז ניט געוועזן דער איינפלוס פון זייערע עלטערן, איז ער דאך געוועזן גענוג גרויס צו שאפן א אונאויסגעפילטן רוים אין דער געדאנקן־וועלט פון די יונגע, דעם ניט אויסגעפילטן רוים זוכן די יונגע אויסצופילן מיט ממשותדיקן אינהאלט. אבער אין אזא טרוקענע פארעטנינגס (געשעפטס) אטמאספערע איז נאר לייכט פאר דעם מידבר־וואנדערער צו חלום׳ן וועגן א פרישינקען וואסער און א גרינינקעןביימאלע, אבער זייער שווער דאס אין דער ווירקליכקייט צו רעאליזירן.

האבענדיק פון איין זייט די דעניש־אידישע געמיינדע — וועלכע, איז מער דעניש אלס די דענער אליין, ביי וועמען עס איז רעכט בעסער אף פסח צו בלייבן אהן מצה, איידער צו ברויכן א זעלכעס, וואס איז געווען איינגעפאקט אין פאפיר מיט א אידישן שטעמפעל — אלס אפיציעלע דערציהער, דער רעזולטאט א אויסגעטריקנטער מידבר. פון דער צווייטער זייט, זייערע עלטערן, וועלכע האבן מער אדער ווייניקער פאר די יונגע געשאפן א האריזאנט: אבער אן באדן, דערפאר דאס וואקלען, דערפאר דאס זוכן.

זיכער האט הר. ליכטען רעכט, אז א צייטונג דארף אלערערסטענס האבן געלט און ניט א זעלכע נארעשקייטן ווי אידעש וואס וועט נאר הינדערן צו שאפן געלט, נאר נישט ווייניקער רעכט האבן אויך די, וועלכע זאגן אז א צייטונג, וואס דארף קעמפן פאר די יונגעס אידעאלן קען זיך ניט פארקויפן פאר געלט, אלזא די יוגענד האט צו וועהלן איינע פון די צוויי אלטערנאטיוון און מיר האפן, אז געפינענדיק דעם באדן וואס איז דער יוגענד וועררדיק, וועט זי אויך געפינען איהרע פירער אין איהר אייגענעם לאגער און אבדאנקן די אלטע וועלכע פרעטענדירן אף דער צווייטער יוגענט.

# קאפענהאגענער טריבונע

(אונפארטייאישע צייטשריפט)

ערשיינט יעדע צווייטע וואך.

29. מארץ 1927 * נר. 2 — 1־טן יארגאנג * כ"ה אדר שני תרפ"ז


## א קאנפערענץ פוז די פאראיינעז.

אף א קאנפערענץ, צוזאמען גערופן געווערען פון סקאנדינאווישן יוגנט פארבאנד, איז דיסקוטירט געווארן א פראגע, וועלכע פארדינט באקאנט געמאכט צו ווערן פאר דער אידישער עפנטליכקייט אין קאפענהאגען.

רעפרעזענטירט זענען געוועזן „הזמיר", „די אידישע ארבעטער לעזע־זאל", „אגודת הציונים בדנמרק" און גאט ווייס מיט וועלכע קולטורעלע קוואליפיקאציעס, די ליי־קאסע.

דער פארמאן פון סקאנדינאווישן יוגנט פארבאנד, הר' אלטערמאן האט פארגעלעזן אנאויפרוף פון דער אידעשער באפעלקערונג צו שטיצן די צייטונג „איזראליטן" וואס דער פארבאנד גיט ארויס. ער האט פארגעשלאגן אלע רעפרעזענטאנטען, זיך צו אונטעשרייבן אף דעם אופרוף און העלפן פארברייטן די צייטונג.

אין דער נאכפאלגנדיקער דיסקוסיאן, האט הר.ביילין באוויזן, מיט דעם אויסזען און רבנישן אינהאלט פון דער צייטונג, קאן מען ניט דערוווארטן, אז די אידישע פאראיינען זאלן שטיצן איר. נאר פערזענלאך, פאר שפרעכט ער זיין שטיצע. (ווארשיינלאך האט ער זיינע פריוואטע אורזאכן).

הר ראזענבערג און וואולף (לעזע־זאל) זיי קאנען ניט מיטגיין פריער ביז די צייטונג וועט אויך אנפאנגן ריידן אידיש און באהאנדלען אידישע פראבלעמען, ניט מיט פארקריפלטע. אדער קאנסטרוירטע רעליגיעזע באבע מעשה'ס.

די הערן אלטערמאן און געלוואן זיינען ווילּיק אבצוגעבן א פאר זייטן פאר אידישן טעקסט, ווען עס וואלט מעגליך געוועזן טעכניש אדורך צו פירן. הער פעדער (הזמיר) דריקט אויס זיין צופרידנקייט, וואס די קאנפערענץ פון פאר צוויי וואכן ביז היינט, האט געמאכט דעם פארשריט צו צולאזן א דיסקוסיע וועגן אידישן טעקסט אין דער דענישער צייטונג „איזראליטן". ער שלאגט פאר אונטערשטיצט פון גאלדין (לעזע־זאל) צו זען באזייטיקן די טעכנישע שוועריקייטן, מען זאל זיך ווענדן אין בערלין אדער ווארשע, אויב דא אין קאפענהאגן איז דאס אומעגליך אדורך צו פירן טעכניש צוליב דעם צו הויכן פרייז, וואס מען פארלאנגט דא.

הר. ליכטין (ליי־קאסע) פארשטייט איבערהויבט ניט, וואס מען פאטערט צייט אויף א דיסקוסיע איבער אידיש. דער גאנצער אידיש לעזענדער קרייז באשטייט סך־הכל פון א 30 — 35 מיטגלידער אין לעזע־זאל. די מייסטע פון זיי זיינען עלטערע פרויען, וועלכע זוכן די ביליגסטע און פראסטע ראמאנען. אין אלגעמיין די אידישע קאלאניע אין קאפענהאגן, וואס איז געקומען פון פוילן און רוסלאנד, זיינען אזעלכע עלעמענטן וואס באזיצן ניט די עלעמענטארסטע בילדונג, האבן ניט דעם קלענסטן גייסטיקן דראנג. אלזא: פון דעם קרייז האט איר ניט וואס צו דערווארטן. פאריגן מאל האב איך טאלערירט און ניט געענטפערט אף אלע נארעשקייטן (דעם פארלאנג צו שרייבן אין אידעש) היינט זאג איך דאס ארויס שארף, אום מען זאל מיר ניט מיספארשטיין.

הר. נאכעמזאן: (פון ועד הציונים) פון די דענישע אידן קאנט איר קיין האלבע אוירע ניט באקומען, ווען איר דענקט נאר איינצופירן א אידישע אפטיילונג. איך וועל אייך נאר איבערגעבן דעם פאלגענד פאקט: מען איז געקומען צו דער געמיינדע מיט א פראבע מצה פון ארץ ישראל, דער עטיקעט איז געווען אף 3 שפראכן ענגליש

# Kopenhagener TRIBUNE

(Upartisk jødisk Tidskrift)

Udgivet og trykt af M. Altschuls Bogtrykkeri.
Ansvarshavende: Simon Altschul.
Ravnsborg Tværgade 6 - Telef. Nora 25 50 y.

Udkommer hver 14. Dag.
Abonnement: Kr. 1,50 pr. Kvartal. I Udlandet: Kr. 1,75
Anoncepris: 20 Øre pr. mm.

**Nummer 3** * **15. April 1927** * **1. Aargang**

## Synagogen.

Stilfuldt indrammet over Indgangen til Synagogen staar med Guldbogstaver: ברוך הבא בשם ה׳, Velsignet være den, som kommer i Herrens Navn.

Hvor taler ikke denne korte Velkomsthilsen sit eget Sprog! Hvor er dog de Tider henne, da alle Jøder - store og smaa, fattig og rig - altid samledes under Synagogens Tag og kastede alle Dagligdagens Smaatterier tilside for at føle sig som den store, stærke Enhed; alle var de Jøder, og alle var de beredt til at kæmpe for Jødedommen med hele deres Sjæl og al deres Evne. Da var Synagogen Arnestedet for jødisk Liv og jødisk Aand og Jødedommen og Jøderne var bedst tjent dermed.

Men hvordan forholder det sig nu?

Følelsen afArnestedets Evne til Sammenhold og Sammenknytning og den dermed forbundne Arbejden i Fællesskab er forsvunden og blevet erstattet med Pligten til somme Tider, ved Højtiderne, at aflægge Synagogen et Besøg. At denne er Jødernes Centrum og Kerne føles ikke mere. —

Alle for een! Efter denne Devise bliver vi Jøder oftest takseret, mestendels naar det er til det Onde. Men heldigvis lever vi i et Land, der regnes for at være den mest tolerante i Verden; Antisemitisme kendes kun af Navn og Dygtighed og Flid, ligemeget fra hvem de kommer, bliver altid belønnet og anerkendt. Derfor burde det være vore Føreres Pligt og Opgave at give os - og specielt Ungdommen - Idealer og Anvisninger og dermed Chanchen til, על קידוש השם, at arbejde for Jødedommen. De enkelte for Enheden. Alle for een! —

Udgangs- og Samlingspunktet for denne Tanke bør være Synagogen; men gør den først til det, den før har været, nemlig: det hyggelige og tillidsvækkende Arnested for Jødedommen. Da vil med Rette dens Velkomstord begejstret lyde os i Møde.

ברוך הבא בשם ה׳

△

# Om Paaskefesten.

## Af M. Goldschmidts „Livs Erindringer og Resultater".

Hvad der i min Onkels Hus virkede højest og fuldstændigst paa mig, var Paaskefesten; men den er ogsaa efter min Formening Jødedommens Ypperste, og Intet af, hvad jeg har set og deltaget i hos Andre, synes mig at kunne sammenlignes dermed. Ind i den falder ogsaa med Nødvendighed, ganske anderledes end i de andre Fester og Ceremonier, et stort, klart Lysskjær — og dog ikke mere, end hvad et Barn baade kan taale og fatte — og blandes underlig med det mest Farverige og Fantasifulde. Det er en Familiefest med religiøse Minder som den kristne Jul, men tillige aldeles ejendommelig national, hvad den kristne Jul jo ikke kan være, eftersom den eneste Nation, der kunde fejre den som sin, den jødiske, ikke vil. Selve den jødiske Paaskefest kan nuomstunder være vanskelig at træffe i sin rette Fylde og Glans, fordi man er bleven for dannet, for vidende, har tabt saa meget af Naiviteten. Men der var Intet tabt og intet Uvedkommende bragt ind i min Onkels Hus, og der fandtes, hvad særlig er nødvendigt til Festens Udtryksfuldhed, en talrig Skare Børn. Der oplevede jeg da i Fuldstændighed, hvad der var mislykket for mine Forældre før min Fødsel. Der sad Husfaderen ved Bordet i sin Ligskjorte paa et orientalsk Leje opredt af hvide Puder. Der var Matzaus, de usyrede, flade, sælsomme Brød, og det første, der blev brudt, henlagdes foreløbig i Husfaderens Leje som Afikaumon, der har Talisman-Magt. Der duftede de søde og bitre Urter. Der blev Hagoden, Bogen om Frelsen af Ægypten, oplæst paa Hebraisk; men i dette Tilfælde forbød selve Loven, at det blev ved Hebraisk; thi Husfaderen skal tydelig fortælle sin Husstand, hvad det er, Gud har gjort. — Og ganske vist kunde intet Foredrag passe bedre til Emnet end Onkels, der var aldeles irrationelt. Han forklarede Intet, gav ingen Indledning; Alt brød frem af den yderst hemmeligsfulde Baggrund, som det Uomtalte i visse Tilfælde er, og dog gjorde han det formedelst hans eget indre Syn paa Tingen aldeles indlysende og tilforladeligt. Gud kom og talte med Moses — det var en Sag saa ligefrem og naturlig som nogen Hverdagsbegivenhed og dog saa aandedrætstandsende højtidsfuld; thi Gud var jo Jehova, og den han talte til, var min Slægtning. Du er en Levit, sagde Onkel pludselig til mig, Du er af samme Stamme som Moses. — Er han en Levit? spurgte en af mine smaa Fættere beundrende. — Herregud, hvor jeg var stolt! Hvilket Adelsbarn har følt sig tilmode som jeg, saa fornem i Blodet fra Top til Taa, medens jeg uden Tvivl samtidig vidste, at Hæderen ikke engang gjaldt paa Trappegangen. Men Fortællingen gik øjeblikkelig videre og fik, for at bruge et moderne Ord, noget Dramatisk og Pikant ved, at den forfærdelige, men mod os saa kjærligsindede Jehova stod i Skjul og hemmelig opmuntrede Farao til at fremtvinge og forlænge Kampen, og denne Spændning forøgedes jo endvidere ved, at ogsaa de ægyptiske Vise kunde gjøre Vidundere, hvilket Onkel forklarede af, at Ægypterne heller ikke vare Dumrianer. Noget Forunderligt, Anelsesfuldt, Trylleagtigt kom til Sindet, idet hver af Bordselskabet, medens Plagerne langsomt og med sær Betoning nævntes, dyppede Spidsen af den lille Finger i sin Vin og for hver Plage stænkede en Draabe paa Gulvet. Og da saa Dramaet sluttedes, da Sindet kunde hvile i Triumfen, men dog ikke var enten mæt eller træt, kom det Allerstørste, Underet rykkede ganske nær, et Haarsbred fra Personligheden; thi paa et Vink af Onkel rejste hans ældste Søn sig og aabnede et Vindve, hvorpaa Alle pludselig med et højt Raab kaldte paa Profeten Elias og derefter istemmende den mageløse, længselsfulde, kjærlighedsfuldtjublende Paaskesang:

Herre byg, Herre byg!
Byg Dit Tempel i vore Dage!

Profeten Elias kom ikke; men han kunde komme i Løbet af Natten, og derfor blev et Glas Vin, dækket med et Stykke usyret Brød, indviet og sat tilside for ham.

Jeg har beskrevet Højtiden i »En Jøde« og omtalt den ved flere Lejligheder; men det er Altsammen, ligesom Nærværende, klang- og farveløst i Sammenligning med Virkeligheden; jeg har aldrig kunnet bringe Stemningen helt ud i Ord, aldrig kunnet komme nærmere, end om jeg vilde beskrive en Melodi.

## DANSK KARTOTHEK FABRIK

RUD. C. DRUMM

Alle Slags Kartothekmapper — Ledekort — Alfabeter — Fanekort — Noteringskort
Registre — Brevordner — Bortlægningsmapper — Kortrytter — etc.

— FORLANG TILBUD. —

PILESTRÆDE 40 TELF. BYEN 4041

Værksted og Udsalg af Guld-, Sølv-, Bronce- og Tinarbejde.

Barmitwoh- Konfirmations- Bryllups- og Fødselsdags-Gaver.

Alle Reparationer udføres

**Baruch Griegst**

Sølv- og Guldsmed

Niels Hemmingsensgade 18, Kld.

Telf. Byen 7256

**Slagtermester D. B. Fischermann**

Rosengaarden 14 -o- Telf. Byen 1434 x

anbefaler sig med

sendes overalt!

| | | |
|---|---|---|
| 1. Klasses Kød | Kr. 0,65 | |
| Højrib | » 0,85 | pr. Pund |
| Opskaaret Paalæg | » 3,00 | pr. Pund |
| Leverpostej | » 2,00 | pr. Pund |
| Spegepølse | » 1,00 | pr. Pund |
| Kogepølse | » 0,75 | pr. Pund |
| Bayerske Pølser | » 1,50 | |

Høns i slagtet Tilstand til billigste Dagspris.

## Alt Snedkerarbejde

Nyt saavel som Reparationer udføres

**Forlang Tilbud**

**Vilh. Andersen**

Ravnsborg Tværgade 6 Telf. Nora 756 x

אלע אידן דארפן זיך לאזן פאטאגראפירן
ביי דעם אידישן פאטאגראף
וויל ער פירט אויס ערשט קלאסיגע ארבייט צו ביליגע פרייזן.

M. SCHOFFER

Vesterbrogade 56 Telf. Vester 82 x

## PALÆSTINA CIGARETTER

fremstillet af den verdensberømte ægte Palæstina Tobak
er nu kommet i Handelen ogsaa her i Landet i følgende Mærker:

„AZRA" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . en 4 Øres Cigaret i Æsker a 20 Stk.
„THE PALESTINE-CIGARETTE NR. 17" en 6 Øres Cigaret i Æsker a 20 Stk.
„THE PALESTINE-CIGARETTE NR. 18" en 8 Øres Cigaret i Æsker a 25 Stk.

Forlang dem hos Deres Cigarhandler

„KARMEL" Lavendelstræde 1-3

Telf: 9087 - 11729

Enelager for Skandinavien

לייענט און פארשפרייט די קאפענהאגענער טריבונע!

## יכנה"ז איז געשטארבען אין מינסק.

מאסקווע, מארטש 31 — דער אידישער שריפטשטעלער יכנה"ז, וועמענס אמת'ער נאמען איז ישעיה־ניסן גאלדבערג, איז היינט פלוצלונג געשטארבען אין מינסק אין עלטער פון 69 יאהר.

דער פערשטארבענער איז פאר די לעצטע דריי יאהר צייט געווען אויף פענסיע ביי דער פראוויזארישער רעגירונג. ער אוז געבוירען אין א קליין שטעטעל נים ווייט פון מינסק ביי אן ארימער אידישער פאמיליע און איז געווען באוואוסט אין דער אידישער ליטעראטור אלס איינער פון די בעסטע פעליעטאניסטען.

## לאקאלעס

### די לעצטע פארשטעלוג צוריק צו זיין פאלק

איז געווען א גרויסער מאראלישער ערפאלג. דער טעאטער איז גיווען געפאקט, דאס באווזט ווי נויטיג עס איז דער אידישער טעאטער דא. דער עולם קומט אין א יום־טוב'דיגער שטימונג, און מ'האט פשוט הנאה, די טרופע אונטער די פירערשאפט פון אונזער גאסט אדאלף טעמיאנאף, האבן שטארק אויסגענומען, און דער עולם האט זיי באשאנקען מיט גענוג אפלאדיסמענטען, דער קאהר און די חופה צערעמאניע פון דריטען אקט האט געמאכט דעם שטארקסטען איינדרוק.

ווי מיר דערוויסן זיך, וועט אין מאנאט מאי געפייערט ווערן, דער 25 יאריגן יובילייאום פון אונזער ליבען שוי־שפילער אדאלף טעמיאנאף. אין דעם אוונט וועט אויפגעפירט ווערן איינע פון די בעסטע פיעסען — דער אוונט פארשפרעכט צו זיין אנאויסער געוויינליכער,


קאפענהאגענער טריבונע

קאן מען איצט באקומען ביי:

»ב. צ. צענטראלען«

און

»פאליטיקענס הויז«


## די פיר קשיות.

(געווידמעט דער אידישער איניציאטיוו אין קאפענהאגן)

העברי הצעיר, ציוניסטן,
שניידער־קלוב און אגודיסטן,
„הזמיר" דער פאראיין פון געזאנג,
לייה־קאסע מיט איר גייסטיג דראנג,
»ישרון« (דער מארק פאר די שדחנים)
»יודיסק אונגדאם« פאר טאטעס בנים,
מיט פיל געשריי און טאראראם
די אינסטיטוציע »בית עם«,
האנטווערקער־פאראיין, לעזע־זאל
און אלע אידישע פאראיינען בכלל
וואס געפינען זיך דא אין קאפענהאגן,
מיר ווילן אייך שטעלן די דאזיגע פראגן:

האט איר עטוואס אויפגעטאן
פאר אידישעס, פאר אידן?
אויב יא, דאן גיט ביי זיך א מאן:
צי קען מען מיט דאס זיין צופרידן!

האט איר אונז געוויזן קוואלן
פון וואנען גוטעס צו קאנען שעפן,
וואס זאל פאר אונז זיין אידעאלן,
וועלכע צום אידענטום זאל אונז קלעפן?

האט איר דעם יוגנט פארגעשטעלט
נייע דרכים, נייע צילן?
צי דארף מען, אייער קערן וועלט,
זעהן דורך פארשטארקונגס־ברילן?

דער אלטער מאן צוגעגאנגען צו איהם און האט געזאגט: „ווער איז דאס דער, וואס רופט מיין יוגענט פריינד?”.

דאס בין איך! קאנט איהר מיר ניט? איך האב נעכטען חתונה געהאט! וואו איז מיין יונגע ווייבל, וואו זיינען מיינע קרובים און פריינד? וואו איז מיין הויז?”.

ווי הייסט דיין ווייבל? דער אלטער האט זיך געטרייסולט, און ווען ער האט געהערט דעם ענטפער, האט ער אויסגעשריען: „אל־מעכטיגער ג — ט, ביסטו דאך רבי אלי’ וואס איז פארשוואונדען געווארן אין דעם חופה טאג, אויף א געהיימען אופן מיט 70 יאהר צוריק.”

„זיבעציג יארן!” האט דער יונגערמאן אויסגעשריען, און האט זיך געהאפט פארן קאפ. אה, דאס איז א גרויזאמער שפאס — זאגט, אז איר מיינט דאס ניט! פיהרט מיך צו מיין ווייב! אין ג — טס נאמען, הערט אויף פון רייצען זיך!”.

„איך וועל אייך פיהרען”, האט דער אלטער געזאגט און האט איהם באגלייט צום גוטן ארט, אויפן בית החיים, און האט איהם גע־וויזן זיינע עלטערענס קברים און זיין ווייב’ס קבר, אויף די מצבות שטעהט אויסגעקריצט, אויך איבער דעם יונגען־מאנס פארשווינדען אויף א סודות־פולען אופן אין זיין חופה טאג.

אלי’ האט זיך געזעצט ביי דעם קבר פון זיין ווייב, און האט א־ינגעוויקעלט זיין פנים. דאן איז צו איהם געקומען נאהענטער א מהות מיט ברייטע פליגלען און האט צו איהם געזאגט: קום ברודער און איך באגלייט דיך צו איהר אהיים צו איהר, צו דער וואס האט דיך געשיקט נאך: »דאס העכסטע«.

---

(שלום פון »דער וואונדער־מאכער«)

אן דיין טשעפיק אויפן קאפ און מיר קלאפען אן אין טיר ביי אונזער שכן . . .

רבקה־ביילע פאלגט תמיד איהר מאן, זי האלט זיך איין פון געויין . . . ווילען זיי געהן, — אין דער רגע האט זיך געעפנט די טיר פון דרויסן און א מאן האט זיך געשטעלט אויפן שוועל און האט געזאגט: גוט יום־טוב! די פאר האט גיענטפערט »גוט יום־טוב” אבער אין דער פינסטערקייט האבן זיי ניט געזעהן. און דער מאן איז אין שטוב אריין. — מיין ווילן — זאגט ער — האלטן מיט אייך דעם סדר, חיים־יונה ענטפערט: »מיר האבן קיין סדר ניט” . . . השם יתברך, האט ניט געוואלט, . . . און דער דאזיגער האלט איהם אפ: נארעשקייטן. דער סדר איז דא בא מיר! — וועלן מיר זיצען אין דער פינסטערנעש? — האט זיין פרוי ניט אויסגעהאלטן און געזיפצט. ניין דוקא! האט דער אנקומענדער האט געזאגט: זאל ווערן ליכטיג! ער האט זיך געשטעלט אין מיטען פון צימער און האט אויסגעשריען: — הקוס-פאקוס! און אין צימער האבן זיך באוויזן 2 זילבערנע לייכטער מיט אנגעצונדענע ליכט.

און די פאר האט דערזען די ליכטיגקייט פון דעמאריינקומענדן, און דאס איז איז געווען דער וואונדער־מאכער, און זיי וואונדערען זי־ך, און זיי קאנען ניט ארויסציהען א ווארט פון האלז רבקה־ביילע האלט זיך אן פאר איהר מאן און זיי ביידע שטייען מיט אפענע אויגען און גענעצן . . , . — דער וואונדער־מאכער, האט אין דער צייט וואס דער טיש איז געשטאנען, ווי א פארשעמטער אין ווינקעלע האט א געשריי געטאן: דעק זיך צו, שהנער בחור’ל און שטעל זיך אין מיטען!

און תוכף־ומיד איז פון באלקע אראפגיצפאלן א ווייסע טיש־טוך ווי סניי און דער טיש איז באדעקט געווארען, דער טיש האט זיך אפגערוקט און געבליב שטעהן אין מיטען פון חדר אונטער די לייכטער דער »וואונדער־מאכער« האטאבער געזאגט: אונז פעלט קישענס אויף דער הסיבה־בעט, ער האט א וואונק געטאן און דריי קישענס האבן זיך באוועגט און זעגאנגען צו די דריי וויקלאך און נאך א אמאל: האקוס־פקוס! און עס האט זיך באוויזן אויפן טיש א שיסעל פול מיט אלע מינים: מצות, וויין, הכל־אשר־לכל אפילו געבונדענע הגדות אין פעל, און וואסער אויף צו וואשען זיך פרעגט ער, וואסער קאן איך ברענגען! און רבקה־ביילע רוימט איהם אריין אין חיים־יונה’ס עווערן, איז דאס מותר? און חיים יונה איז בספק שווייגט ער. רבקה־ביילע זאגט צו איהם פרעג א שאלה ביין רב איך האב מורא לאזן דיך אליין מיט איהם; זאגט זי, דער רב וועט ניט גלויבן, ער וועט זאגען, אז זי איז אראפ פון זינען . , , און קיין אנדער עצה איז ניטא, לאזן זיי איהם דארטען מיטן סדר און גייען צום רב.

דער רב האט זיך מיישב געווען, האט ער א שאקלגעטאן מיטן קאפ, און סוף כל סוף געזאגט: מיר האבן א קימא־לן, אז בלענ־דענעש, האט קיין ממשות ניט . . . דעריבער טוט אזוי: געהט אהיים אויב די מצה ברעכט זיך מיטן האנט, די וויין גיסט זיך אין די כוסות, און די קישענס ווערן געטאפט — איז דאס ניט כישוף, און דאס איז א נס מן השמים, און איהר מאגט הנאה האבן . . . .

מיט קלאפנדע הערצער זיינען זיי געקומן א היים, ניטא דער וואונ־דער־מאכער, דער סדר איז אויף זיין ארט, די קישן טאפן זיך, די וויין גיסט זיך, מצות ברעכן זיך פארשטייען זיי אז דאס איז געווען אליהו הנאיא און האבן געפייעט דעם סדר צוזאמן מיט כלל־ישראל

# דאס פויגל וואס האט געזונגעז

## פון מ. גאלדשמידט.

אלי׳ האט ניט געוואגט צו פרעגן׳ אבער ער האט באהאלטען דעם ווארט ביי־זיך׳ ניט מערקענדיג׳ אז דאס׳ איז שוין דער 3־טער נסיון. פון דעם טאג אן׳ איז ער געווארן דעם רבי׳ס געליבטער תלמיד· און נאך די 3 יאר זיינען פארלאפן׳ האט דער רבי יוט־טוב־דיג געבענטשט איהם מיטן תואר־הכבוד׳ רבי אלי׳ און גרויסע שורות פון פריינד און באוואונדערער האבן באגלייט דעם נייעם רבי אויף דער וועג צו זיין היים, און ווען ער האט זיך דערנעהענטערט· צו זיין היים· איז חיים הכל־בו געגאנגען איהם אנטקעגען׳ מיט זיין גאנצער הויז געזינד׳ מ׳האט געבלאזן אין שופרות און פלויטן· יונגע מיידלאך האבען געקלאפט אויף פויקען׳ וואס האבן פון זיך אליין געגעבען מעטאלענע קלאנגען׳ און חיים ה׳כל־בו האט געפיהרט זיין טאכטער ציפורה פארשלייערט אונטער זיין האנט· און זי איז צוגע־פיהרט געווארען אונטער דער חופה מיט רבי אלי ן׳ ער האט זי מקדש געווען מיטן טבעת קדושין· מ׳האט צוברכן כלים און אלי׳ס פאטער און מוטער האבן איהם געבענטשט מיט „מזל־טוב״ און אין דער צייט איז ער ארויסגעגאנגען·

ווען די צופרידענע שורות זיינען געקומען צו זיין הויז׳ האט אלי׳ געזוכט צו פארבלייבן איינער אליין און ער איז אוועק אויף א קליינער לאנקע בא זיין הויז. ער האט גערעדט: „ריבונו של עולם, בארעמהערציגער ג–ט׳ איידער איך פארלאז מיין גן־עדן׳ און איך ווער ווי די אנדערע שטארבענדע׳ און נעהם מיין ווייב אונטער מיין שויך׳ בעט איך בא דיר א בקשה: זאל דיין חסד פאלן אויף מיר׳ און לאז מיר נאר בלויז איין בלינק פון »דאס העכסטע״׳ אדער הערן בלויז איין קורצען אויגענבליקס קלאנג׳ פון דיין אייביגקייט!

אלמעכטיגער פאטער׳ דו וואס לעשט אויס דעם דארשט פון די חיות׳ גיב מיר נאר איין וואונק צו מיין נשמה׳ס דארשט נאך דיר און דיין הערליכקייט· און לאז פאלן א טראפען אויף מיר זעלבסט׳ האטש מיט דער סכנה׳ אז איך זאל דאס אנווערן׳ ווען איך וועל נאך דיין ווילן גערופן ווערן פון דער וועלט״.

אין דער רגע האט ער גיהערט העכער פון איהם און א פויגל האט געזונגען· דער קלאנג איז געווען ווי פלויט־מעסיג און פישצע־וואט ווי געוועהנליכע פויגלאך זינגען׳ אבער דאך זייער פארוואונ־דערט. ס׳איז געקומען א טאן׳ וואס אלי׳ן האט זיך געדוכט׳ אז ער איז אויפגעהויבען געווארן פון א חוואלע פון ים· און די חוואלע גופא האט אים ווידער געשיינט· אז זי איז אין קריבה׳שאפט מיט די זיבן ס פ י ר ו ת, וואס וועלן איין מאל׳ ווערן די צייט וועט קומען וועט ארויסשטראמן פון זיי׳ דער איינציגער מלאך מ ט ט ר ו ן און וועלען ווערן צו 7 וועלטען מיט זייערע פארגעניגענסען און זייערע דאגות· אנ׳אנדער טאן איז געקומען׳ און דורכן טאן האט אלי׳ן געשיינט׳ אז ער הערט א געגען קלאנג פון דעם שבח׳ וואס די מלאכים האבען געזונגען פאר דעם אויבערשטען׳ ווען די וועלט־שאפונג איז פאר־ענדיגט געווארן. דאס חאט אלי׳ געהערט; אבער אין די צוויי טאנען נאך מערער געהאט׳ וואס מ׳קאן ניט אויסזאגן. דאס פויגל איז שטיל געווארען·

אלי׳ האט זיך צוגעהערט נאך איין רגע און האט דארויף גע־זאגט: „מיין ג – ט איך דאנק דיר; איצט בין איך כמעט זאט·״

ער האט זיך אומגעקערט אנטקעגן זיין הויז׳ כדי צו געהן צו זיין פרוי׳ און ער איז געווארען אביסל איבעראשט׳ ביים באמערקן׳ אז אלץ איז שטיל געווארן און קיין ליכט זיינען ניט אנגעצונדען; אבער ער האט דאס אנגענומען אז דאס איז א שפאס פון זייגע לוס־טיגע פריינד׳ האט ער באשלאס צו לאזן זיי געניסן דעם שפאס׳ און האט אנגעקלאפט אויף דער טיר· און קיינער האט ניט געענטפערט האט ער געדענקט: »זיי באהאלטן זיך און שמייכלען׳ זיי ווילן דאך מיר האבן דא״ האט ער נאך שטארקער געקלאפט אין טיר· דאן האט ער געהערט א פרעמדע שטימע׳ וואס האט געפרעגטט: „ווער זייט איהר?״ — אלי׳ האט געענטפערט: „דאס בין איך!״ עפענט מיר די טיר ארייגצוגעהן צו מיין ווייב! — ס׳איז דא ניטא קיין ווייבעל און דער הויז׳ איר זייט א פרעמדער׳ האט א שטימע געענטפערט: פאר־שטערט ניט אונזער נאכט־רוהע«!

רבי אלי׳ האט איצט באמערקט׳ אז ער האט א טעות געהאט אין זיין הויז׳ און דאס איז איהם פארגעקומען׳ ווי אזעלטענקייט· ער האט זיך געלאזן צו זוכען זיין הויז, אבער ער האט זי ניט געקאנט געפינען· ווען דער פרימארגען איז אויסגעבראכן אין מורא און שרעק איבער זיין פירכטערליכן זוכען און די בליקען פון די פרעמדע׳ מיט וועלכע זיין געבורט־שטאדט׳ איהם האט זיך געדוכט, אז זיי קוקען אויף איהם· ער איז אוועק אין שול אריין׳ און אזויווי ער האט דא אויך געזעהען לויטער פרעמדע פנים׳ער׳ האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין און האט הויך אויסגעשריען הויך די נעמען פון זיין פא־טער און מוטער· קיינער האט ניט געענטפערט; נאר אלע האבען גע־קוקט פארוואונדערט באדענקליך איבער איהם. דאן איז א וואקלענ־

# פוז דער אידישער וועלט·

## איבער 7000 אידען האבן פארלאזט פאלעסטינע לעצטען יאהר.

לנדאן, מארטש 21. — א פראגע פארוואס אידען פאהרען איצט צוריק פון פאלעסטינא· איז היינט געשטעלט געווארען אין ענגלישן פארלאמענט דורך דעם ארבייטערדעפוטאט באר·

דער דעפוטאט האט געוואלט וויסען וואס עס זיינען די אורזאכן וואס האבן געפיהרט א 7·340 אידען זאלען אוועקפאהרען פון פאלעסטיע אין דעם יאהר 1926· דאן ווען 13·056 זיינען אריינגעקומען קיין פאלעסטינא·

אלס ענטפער אויף דער דאזיגער פראגע האט קאלאנעל אמערי· באר ענגלישער קאלאניאל מיניסטער, ערקלערט אז די אורזאכע פארוואס אזא צאהל אידען האבען אויסגעוואנדערט צוריק פון פאלעסטינע ליגט אהן צווייפעל אין קען ארבייטסלאזיגקייט וואס הערשט איצט דארטען·

---

## ראזענוואלר ביבליאטעק געעפענט אין עגיפטען.

קאירא· מערץ 16 — אונטער דער פארזיצערשאפט פון דעם אמעריקאנער פראפעסאר בריסטעד· איז דא היינט פארגעקומען די אפיציעלע ערעפענונג פון דער ראזענוואל ביבליאטעק אין טיבעס· ניט ווייט פון לוקסאר·

די ביבליאטעק וועט זיך געפינען אונטער דעם קאנטראל פון דעם אריענטאלישען אינסטיטוט ביי דעם שיקאגאער אוניווערזיטעט· דזשוליוז ראזענוואלד· דער אמעריקאנער אידעשער פילאנטראפ האט געדעקט אלע אויסגאבען וואס די ארבייט פון בויען און אויסשטאטען די ביבליאטעק געביידע האט געפאדערט·

---

## עסטרייכישע אידען שאפען א פאראייניגטן פראנט געגען אנטיסעמיטען אין די וואהלען צום פארלאמענט·

וויען· מארץ 19 — אונטער דער לאזונג „פאר דעם אידענטום און פאר עסטרייך״· האט היינט דער אידעשער וואהל קאמיטעט ארויסגעלאזט צו דעם אידענטום פון עסטרייך אן אויפרוף· אפעלירענדיג· אז יעדער איד זאל שטימען פאר דעם אידישען וואהל צעטעל אין די וואלען צום עסטרייכישען פארלאמענט· וואס וועלען פארקומען דעם 24־טן אפריל,

די ציוניסטען און די נאציאנאלע אידען פון עסטרייך זיינען פאראייניגט אין זייער שטיצע פאר דעם דאזיגען צעטל· דאס אידישע וואהל־צעטעל איז ארויסגעשטעלט געווארען אלס געגענזאץ פון פון דער אנטיסעמיטישער קריסטליך־סאציאלע פארטיי·

---

## שטאדטישע פארוואלטונג אין זשעלעכאוו און בריסק וועלען דרוקען זייערע מעלדונגען אויף אידיש.

ווארשא· — די שטאדטישע פארוואלטונג פון בריסק און זשעלעכאוו· האבען אויף זייערע זיצונגען באשלאסען צו דרוקען אלע אפיציעלע מעלדונגען פוז שטאדטישען ראט אויך אויף אידיש· ביז איצט זיינען די מעלדונגען געדרוקט געווען בלויז אויף פויליש·

---

## אוקראינישע רעגירונג באשטימט 100.000 רובעל צו לערנען אידישע קינדער בוי־ארבייט.

כארקאוו, מארטש 26 — א סומע פון 100 טויזענד רובעל איז היינט באשטימט געווארען דורך דער אוקראינישער רעגירונג צו לערנען אידישע קינדער פון קליינע שטעדלאך די מלאכה פון בויען הייזער·

די נאכפראגע אויף בוי־ארבייטער אין די קלענערע שטעדלאך פון אוקראינע איז לעצטענס זער גרויס דערפאר וואס די שטעדלאך האלטען זיך אין בויען· אזוי ווי א באדייטענדע צאהל פון די דאזיגע איינוואוינער זיינען אידען· איז די רעגירונג פאראינטערעסירט אריינצוציהען די אידישע יוגענט אין דער בוי־ארבייט·

---

## 85 עדות שילדערן פאר רומענישען פרעמיער ווי מ׳פייניגט אידען און מ׳ווארפט זיי פון באהנען.

בוקארעסט· מערץ 27 — פינף און אכציג פערזאן האבען היינט צונעשטעלט געשווארענע ערקלערונגען צו דעם רומענישען פרעמיער אווערעסקו· און צו דעם רומענישען אינערן מיניסטער נאנא· דערצעהלענדיג וויאזוי מען האט געווארפען אידען פון די רומענישע באהנען אין מיטען דער נאכט· ווען די באהנען זיינען געלאפן מיט פולער שנעלקייט·

א קאפיע פון די געשווארענע סטייטסמענטס איז אויך צוגעשטעלט געווארען צו דעם גענעראל פראקוראטאר פון יאסי· אין סטייטסמענטה ווערט דערצעהלט אז איידער מען האט די אידישע פאסאזשירען ארויס געווארפען פון די לויפענדע באהנען· האט מען זיי פריהער מערדערליך צושלאגען·

# קאפענהאגענער טריבונע

(אונפארטייאישע צייטשריפט)

ערשיינט יעדע צווייטע וואך·

15· מארץ 1927 * נר· 3 — 1־טן יארגאנג * י״ג ניסן תרפ״ז


## דער וואונדער־מאכער

### פון י. ל. פרץ

אין איינער פון די שטעטלאך אין וואלינער גובערניע· האט זיך ארייגעטראפן א „וואונדער־מאכער״. און חאטש ער איז געקר־מען נאהנט צו פסח· אין די טעג וואס יעדער איד איז פול מיט דאגות, ווי א מילגרוים· האט דאך זיין קומען געמאכט א גרויסן רושם. א מענטש — רעטענעש! קליידער צוריסענע· און אויף זיין קאפ א צילענדער· אנ׳אמת אלטער צוקנייטשטער אבער דאך — צילענדער און שמאטעס! און קיינער האט איהם ניט געזעהן עפעס געניסן ניט כשר· ניט טריפה — ער עסט גארנישט! פרעגט מען אים: פון וואנען? ענטפערט ער: פון פאריז· וואוהין? קיין לאנדאן! דורך וואלין? ער האט געבלאנדזשעט, ווי עס שיינט אז ער איז געגאנגען צופוס· און ווען מ לויפט נאך איהם· און מ׳פרעגט איהם ערקלערונגען· און מ׳בעט איהם און מ׳רינגעלט איהם ארום· ווערט ער פלוצלונג פאר־שוואונדען, ווי די ערד האט איהם איינגעשלונגן· און באלד איז ער אנטפלעקט געווארען· אויפן מארק· אין צווישען־צייט· האט ער גע־דונגען א גרויסן לאקאל· צו ווייזן וואונדער פאר עם ועדה· און וואונדער — אנ׳אויג האט ניט געזעהן· חוץ מדרך הטבע·

ער שלינגט איין זודיגע קוילן־ גרויס ווי קארטאפל· און ציהט פון זיי ארויס זיידענע שנורן פון אלע מינים און פון אלע מינים פארבן· לאנגע· ווי דער גלות איז לאנג· און פון זיינע סטיוועל ווארפט ער ארויס חינעזישע הינער·און הינער ווי די קעלבער און די הינער לויפן לעבעדיגע אויף ד׳רערד און שרייען: קורוריקו! נאכדעם הויב ער אויף א פוס און קראצט ארויס פון זיין פיאטע רענדלאך; רענרלאך ממש· פולע שיסלען רענדלאך! פאטשט מען פראווא! און ער גיט א וואונק און קוכונס און חלות פליהען ווי פויגלאך אין לופטען! נאכדעם טאנצען זיי א קאראהאד· און טאנצען א ברוגז־טאנץ· און כהרף־עין איז פון אלץ ניט געווארען· ניטא די קוכונס· ניט די חלות ניטא קיין הינער ניטא· די שנורען — גארנישט דא.

עס איז שוין געווען צייט צו פראווען דעם סדר· חיים־יונה איז ארויס פון בית־המדרש און ער געהט אהיים· אין אלע פענסטער שיינט מיט שמחת יום־טוב און אין זיין הויז איז פינסטער· ער שטעהט ביי זיין הויז ווי א אבל צווישען מחותנים· ווי א בלינדער צווישן זעהענדיגע· אבער חיים־יונה פאלט ניט איין: אז גאט וועט וועלן וועט נאך אויך געשאפט ווערן א סדר! און חיים־יונה איז אריין אין שטוב· און ער האט מיט שמחה געזאגט: גוט יום־טוב רבקר־ביילע! — „קיינער ענטפערט ניט· און ער הויבט אויף דעם טאן העכער »א גוטן יום־טוב דיר· רבקה־ביילע! און פון אפינסטערן ווינקל ענטפערט רבקה־ביילע איהם· מיט א שטימע זאט פון טרערן! א גוט יום־טוב· א גוט יאהר: רבקה־ביילע — היינט איז דער יום טוב יציאת מצרים — פרייהייט ·· · פארשטהסטו מיין ווייב? מ·טאר ניט וויינען בשום אופן! און אויף וואס קלאגסטו? אויב דער אייבערשטער וויל ניט שאפען אונז א סדר· מוזען מיר מקבל זיין באהבה; גייען מיר צו די אנדערע! די טירן זיינען אפען! אידען זיצען אנגעלעהנט און שרייען אויס: »כל דכפין ייתי וייכול« שטעה אויף מיין ווייב· טו

שלוס אויף 4־טע זייט·

# Kopenhagener TRIBUNE

Udgivet og trykt af M. Altschuls Bogtrykkeri.
Ansvarshavende: Simon Altschul.
Ravnsborg Tværgade 6 - Telef. Nora 25 50 y.

Udkommer hver 14. Dag.
Abonnement: Kr. 1,50 pr. Kvartal. I Udlandet: Kr. 1,75
Anoncepris: 20 Øre pr. mm.

Nummer 4 * 1. Maj 1927 * 1. Aargang

## Et Eventyr til Børnene!

Ja, ja da, kære Børn; saa vil jeg fortælle jer et Eventyr:

Der var engang en rar, gammel Konge, der levede i et stille og roligt Land, højt oppe imod Nord. Nu maa I ikke tro, at det Land, han boede i — som det ellers plejer at være i Eventyr — var hans eget. Nej, dette var ikke Tilfældet. — For flere Tusende Aar siden mistede hans Slægt sit Land og maatte drage ud i Landflygtighed og blev spredt for alle Vinde. Nogle drog mod Nord, andre mod Syd og Vest, men Størstedelen drog mod Øst, til et stort og mægtigt Land, hvor de bosatte sig og fik Lov til at passe sig selv og holde fast ved deres Tro og Lære, den Lære som ikke alene var deres, men hele Menneskehedens Grundpiller. Derfor var det intet Under, at de, der var af en flittig og dygtig Slægt, snart blev videnom berømt for at være: Bogens Folk og Guds Udvalgte.

Men tilbage til vor rare gamle Konge! Tvungen af Omstændigheder maatte han forlade sine Brødre, og sammen med sit Folk begive sig ud paa Vandring, indtil de kom til det føromtalte Land imod Nord. Som det saa kønt staar i Takkesangen til dette Land: „Du bød os bo og blive", blev de venligt modtaget, og de bosatte sig der. Nu skulde man mene, at Eventyret, som det sig hør og bør, burde slutte her med, at de bor der i Fred og Gammen og er lykkelige. Men nej! Nu er det først, at den rare, gamle Konges Genvordigheder begynder. Ved det at hans Folk havde det saa godt i det lille Land imod Nord, sløvedes han engang i sin Omsorg for det, saaledes at dets Raadgivere og Førere var det ganske uværdige. Disse Fyre havde rottet sig sammen i en Klike, hvor de gensidigt roste og priste hverandre, indtil de tilsidst troede fuldt og fast paa de gode Egenskaber, de aldrg havde haft, men som de selv havde paaduttet sig. Folket blev efterhaanden klar over Førernes Umulighed, og da de ikke kunde undgaa at mærke de slette Følger, Miséren frembragte, begyndte de at røre paa sig og vilde vende sig bort fra Kongen.

Da med eet opstod der en Skjald blandt Folket, han vendte sig i Vrede mod de falske Raadgivere og Førere, og efter en længere Kamp lykkedes det ham, med Folkets Hjælp, at kaste Døgenigterne paa Porten, og andre Ledere der var Kongen og Folket tro, blev sat i deres Sted til Gavn og Lykke for saavel Kongen som Folket! —

Dette var Eventyret, Børn! Naar I engang bliver Voksne, vil I forstaa Moralen og Pointet i det. Saa vil I forstaa, at Kongen er Jødedommen herhjemme, at de slette Førere er de nuværende Ledere af de jødiske Foreninger; at Folket er de herboende Jøder, jeres egne Forældre, jeres Søskende og Jer selv, at Skjalden er vort Blad, som herefter vil gøre det til sin Opgave at rense ud og kaste alt det slette og grimme bort fra vor Midte, til Gavn og Lykke for Jøderne og Jødedommen.

△

# JORDEN.

## Prolog ved „Ikor"s litterære og musikalske Aften.

Tusende Aar har vi sukket bag Ghettoens Mure,
sugende Tungsind og Had af dens Mudder og Skam,
tusende Aar sad vi lænket i Fængslernes Bure,
Fortidens fribaarne Fugle i Trældommens Ham.
Var dét et Hav for de stolte, sejlende Svaner,
var dét en Himmel for syngende Fugle mod Sky,
var dér en Vej for de frie, lysende Baner,
var dér et Maal mod et nyt og forjættende Gry?

Murene faldt — og vi søgte mod Frihedens Rige,
Lighedens Luft og det hellige Broderskabs Lys —
isnende Mure sig rejste og frysende Krige,
Mure og Krige af Hjerternes Kulde og Gys.
Hvor vi end gik, var der Vildskab og Vold alle Vegne,
hvor vi end kom, var der Hadskhed og haanlige Smil —
værst var vi stedt, naar med Afsky vi saa vore egne
sende imod os Fornægtelsens giftige Pil.

Aldrig dog agtes en Mand, der fornægter sin Stamme,
aldrig dog æres den Mand, der forraader sit Folk,
før eller siden ham selv vil Fornægtelsen ramme,
før eller siden sig vender den blinkende Dolk.
Langsomt sig lægger stærke og stridende Strømme,
langsomt sig aabner Verden for Læ og for Ly,
dog — vi har set, at Forjættelsen ikke var Drømme ...
Drømmen blev Liv i vort Gensyn med Fædrenes By!

Vide om Lande nu kaster vort Folk sine Lænker,
Drømmene kalder til Daad for vor Frihed og Liv,
Hjemstedets Lov og dets Ret i vort Hjerte sig sænker,
Viljerne ranke sig, frigjort for Strid og for Kiv.
Her har vi fundet et Hjem, hvor i Fred vi kan bygge,
andre sig aabne, hvor trygt vi kan virke og bo,
atter vi retter de krumme og krogede Rygge,
løfter vort Hoved, forynget i Haab og i Tro.

Blikket vi vender mod Jorden, vor evige Moder —
Jorden, som var os berøvet bag Ghettoens Mur,
Jorden, der favner os alle som Søster og Broder,
Jorden, som evig og ene er Liv og Natur.
Dér skal vi finde den Ro, som forgæves vi søgte,
dér skal vi høste vor Sæd og forædle vor Aand —
den, der blev vrænget af Led og som sværted vort Rygte,
den, der blev kold som vort Hjerte og Hjerne og Haand.

Løft da dit Hoved, du Folk af den evige Stamme,
evig som Byernes By og som Landenes Land!
Nu skal du gøre dit sværtede Rygte til Skamme,
nu skal du pløje din Jord bag det prustende Spand!
Da skal Forjættelsen møde dit undrende Øje,
da skal du høste din Løn for de Kvaler, du led —
ikke i Gods og i Guld og i Gunst fra det Høje,
men i din Kamp for den lidende Menneskehed.

**Henri Nathansen.**

# Generalforsamling.

Onsdag d. 4. Maj finder Jødisk Laanekasses Generalforsamling Sted.

Vi noterer dette, ikke fordi det er nogen bemærkelsesværdig Begivenhed, men fordi den er den første i Rækken af de kommende Generalforsamlinger; og derfor vil benytte Lejligheden til at gøre de menige Medlemmer af de jødiske Foreninger opmærksom paa, hvad de kan og maa forlange af Bestyrelserne, de vælger.

Først og fremmest maa man lade Kandidaterne vide, at det ikke er nok at være Bestyrelsesmedlem af Navn; hvis de har den mindste Tvivl paa sig selv, om de ser sig i Stand til at udføre de Arbejder, Hvervet, de paatager sig, fordrer, bør de ikke lade sig vælge. Dette bør atter og atter indprentes, før der skrides til Valg.

Den valgte Bestyrelse skal altid have sig det for Øje, at dens Forening udgør en Del af Helheden, det jødiske Liv; det samme gælder dets Arbejde for Jødedommen herhjemme. Naar saa hver Del søger at gøre sig saa god som vel muligt, bliver det ikke vanskeligt — ud af Delene, der staar saa godt til hinanden — at danne en pragtfuld, harmonisk Helhed.

Fremtiden baseres paa Ungdommen, og derfor maa Ungdommen være Hovedfaktoren i alle jødiske Foreninger; det maa være Foreningernes Hovedfaarmaal at bekæmpe Assimilationen og knytte Ungdommen fastere til Jødedommen. Den rette Vej mod dette Maal er at vise de Unge, at de i den jødiske Religion, Historie, Litteratur og den jødiske Kultur kan finde de bedste Livets Idealer og Goder, som de derfor ikke behøver at søge andetsteds fra; saa vil Naturens Lov: Naar man skal vælge, tager man det bedste, sikkert sejre, og Arbejdet for Jødedommen have faaet et mægtigt Skub frem.

(שלוס פון 1־טע זייט)

נידעריקער און געשמאקלאזער קען מען זיך ניט אראפלאזן.

אט דער דאזיקער קונצנמאכער בן־ציון האט צולעצט פון זיין „גלענצנדן" אוונט אונז אופגעווארפן אונזער ניט גענוג ווארימע אי־דישקייט. — פרעגט איהם, דעם בעל־חוצפה׳ניק, פון וואנען קען ער אונז און אונזער אידישקייט. —

די דאזיקע שורות זאלן דינען נאך צוויי זאכן: ערשטנס, אז ווען מיר וועלן הערן א שטארקן פויקן, וועלן מיר שוין וויסן, ווי „פול" דער אינעווייניק איז; און צווייטנס, אז אזא פויגל ווי בן־ציון וועט אויך וויסן, אז מיר זיינען ווי די דימענטן־הענדלער: אונז קען מען ניט בלאפן מיט פראסטע גלאז אנשטאט עכטע דימענטן . . .

ס. ביילין.

## טעמיאנאף׳ס 25־יאריקן יובילעום.

דער אידעשער האנטווער פאראיין, פייערט דעם 25־יאריגען יובילייאום פון שוישפילער אדאלף טעמיאנאף, שבת דעם 7־טן מאי, ער גאסטראלירט יעצט ביי אונז אין קאפענהאגען.

הר׳ טעמיאנאף, וועלכער האט געשפילט אין אידישע טעאטרן כמעט איבער דער גאנצער וועלט, און האט אויפגעטראטן מיט די גרעסטע שוישפילער. ער ווערט גערעכנט צווישן די בעסטע און מאדערנסטע שוישפילער, דערפאר וועט יעדער טעאטער־געהער וויסן צו שאצען זיינע פארדינסטן, און קומען שבת דעש 7־טן מאי צו פייערן זיין עהרען אוונט.

## „איקאר"ס אוונט.

דער קאנצערט, וואס דער קאמיטעט צו העלפן דער אידישער ק א ל א נ י ז א צ י ע אין סאוועט־רוסלאנד, האט אראנזשירט ד. 24 ד, ח. אין סטודענטן־פאראיינס גרויסן זאל, אפגעזען פון דעם גרויסן, הערלאכן צוועק, אויף וואס די געלט גייט און טאקע פון דעם גוואלדיק מאטעריען ערפאלג, (עס האט געגעבן אנ איבערשוס פון 1100 קר.) דארף פארצייכנט ווערן ווי אײנער פון די גייסטרייכסטע שענסטע, אוונטן, וואס מיר האבן דא געהאט.

צוערשט דער פראלאג פון ה. נאטאנסען, אין דעניש ל. סמאלאן. אין אידעש איבערזעצט און דעקלאמירט פון ס. ביילין, דאן רעצי־טאציע: אברהם רייזין און א פאר פון די יונגע אידישע דיכטער אין רוסלאנד. אין דעניש דורך א, ד. הענריקסען. נאכדעם די ערשט־קלאסיגע קינסטלער צום שפילן. צום זינגען, צום לעזן און צום טאנצן: פרוי אנא בלאך, פרוי בירגיט ענגעל, פרוי עלנא יארגען־יענסען, הר. וויקטאר שוילער, הר. עליט פיא און לייף אוירנבערג— די אלע צוזאמען האבן געזיכערט א גייסטרייכע הנאה פארן גרויסן און אינטערעסירנדיקן פובליקום.

די יוגנט האט זיך דערנאך אמוזירט מיט טאנץ ביז 2 אזייגער די אראנזשירער פון דעם אוונט זיינען ווערט אנ׳אמת׳ן יישר כח.

צייט פערזן פון אברהם רייזען.

## די נייע רייד.

די נייע רייד — זיי שאלן
פון פיהרער דעם גערעכטן;
און טוי אויף הערצער פאלן,
וואו האס געהערשט האט נעכטן.

אין לאנד פון גרויסע וואונדער,
וועט וואונדער אונז פאסירן,
עס וועט זיין ווארט אצונדער
צו נייע וועגן פירן.

וואו פרייע ערד געפינט זיך
וועט אונזער בליק דערפרייען;
און וואו א סטעפ קוים גרינט זיך —
מיר וועלן זי פארזייען.

עס וועט די ערד די ווייטע
אונז ווערן ליב און נאענט;
ביי ארבעט פון באפרייטע,
ביי שטילע רו פון אוונט.

עס גייט א ליכט און שפרייט זיך
דארט וואו געווען איז פינסטער;
צום נייעם לעבן גרייט זיך
דער ארימסטער און מינדסטער. . .

וואו אלע שפראכן קלינגען
אין ברידערלאכע כארן,
וואו אלע לידער זינגען
פון פרייד און נייע יארן. . .

# רייב מאטשע, רייב!

דער יצר־הרע איז ווי א גיגט׳ ער לויפט ארום. אט איז ער אין האנט און אט איז ער אין א פוס׳ אמאל אין רוקן׳ וואו דער גיגט קומט לייגט ער זיך אוועק ניט געפרעגטערהייט און איהר מוזט ליידן. דער יצר־הרע איז אויך אזוי. אמאל כאפט ער זיך ארײן צו מיר אין די אויגען און הייסט מיר קוקען וואו מ׳דארף ניט. אט קריכט ער ארײן אין די עווערן און הייסט מיר ווי א גנב צוטוליען דעם עווער און הערן דאס וואס מ׳דארף ניט. און אט זעצט ער זיך אוועק אין אזא ארט און הייסט מיר טאן׳ וואס מ׳דארף ניט. און בא קיינעם קאן דער יצר־הרע ניט מאכן קיין בעסערע געשעפטן ווי בא מיר׳ איך גיב איהם אלע מאל נאך׳ און ווייסט איר פארוואס? ער צאלט קאנטאנט׳ דא האסטו די עבירה און דא האסטו די הנאה.

קורץ׳ דער יצר־הרע פיהרט בא מיר אלץ אויס. און איצט האט זיך דעם יצר־הרע פארוואלט׳ אז איך זאל שרייבן, וועגן קאפענהאגענער פאראיינען.

נו׳ מילא דארף מען שרייבן׳ פון וואנען הייבט מען אן? פארשטעהט זיך׳ פון דער איינצעלנער אידעשע קולטערעלע אינסטיטוציע׳ „אידישע ארבעטער לעזע־זאל” ר״ל׳ אידעש איז זי ווײלע מיר זיינען מזרע היהודים אנ׳עם־הספרי׳ אבער ניט אזעלכע גראבע יונגען ווי די גוים להבדיל. בא זיי איז אויך דא ארבעטער לעזע־זאלן אבער ווי קומען זיי צו אונזער פא.־אנדיק? ארבייטער א ז זי געוויס׳ ווײלע מיטגלידער׳ קאנען זיין און זיינען: גראסיסטן׳ פאבריקאנטען׳ געשעפטס־לייט׳ אין אויך: ארבעטער! האבן מיר שוין: אידישע און ארבעטער׳ נאר איין קלייניגקייט פעלט: „לעזע־זאל”. נו׳ אז מ וויל קען מען זאגען׳ אז זאל האט זי אויך׳ נאר איר פעלט לעזערי. נו ווער דארף זיי? שפילט מען דארטן דאם׳ מ׳קאן דאך ניט א נאמען געבן אידישע ארבייטער „דאם־זאל”? איי טאמער׳ האט מען געפאטערט אין א משך פון קארגע 10 חדשים ארום 3000 קראנער׳ פארשטעהט זיך׳ אז ניט פאר דאם־זאל׳ נאר פאר דער לעזע־זאל. ווערמען ארט דאס? אבי מ׳טוט פאר כלל־ישראל. קיין חשבון דארף מען ניט. דער רעוויזאר איז אליין דער פארזיצענדער פון גענעראל־פארזאמלונג. ס׳איז פלאי־פלאים׳ דאס קאן ניט פאסירן ביי די גוים׳ ער זאגט בקול רם! מ׳זאל ניט ריידן וועגן דעם! ס׳איז אין ארדענונג׳ דער פארמאן געהט ארויף אויפן בימה און ערקלערט: איך האב זיך מיישב געווען איך נעהם פון מיר אראפ די פאראנטווארטליכקייט׳ ווײלע איך האב גארנישט געטאן׳ ס׳איז פון זיך אליין געגאנגען לעזזאל (לעזע־זאל). דער סעקרעטאר האט אוואדי קיין צייט ניט. ס׳איז קיין שפאס ניט׳ א קלייניגקייט׳ א רעוואלוציע אין כינא׳ די האנטנטאטן הויבן זיך׳ עס איז א באלקאן׳ עס איז דא ראנד שטאטן׳ מ׳מוז באקעמפפן׳ מ׳מוז איגנארירן׳ און מ׳מוז דאך מאכען האטשבי צוויי יאקען א טאג׳ איך קאן זיך דאך ניט צורייסן אין דער לענג און דער ברייט.

דער קאסירער, רעדט נאר דייטש! נאר דער אומגליק איז׳ וואס א ד׳יטש קאן איהם ניט פארשטעהן׳ און א אידן מוז מען דאס איבערזעצן׳ און אלע פרעגן: פון וואנען נעמען זיך אזויפיל פתח׳ן? ער טרעט ארויס בזה הלשון: „איש מאין דאס איש האבע באצאהלט וואס מאן בראוכט׳ דאס קארפאטשאף זאגט׳ דאס ניט אין ארדענונג מיט 8 הוגדערט קראנען, נו! וואלען זי מיש נאייסטעסיאהרע נישט ווײלען”.

איי׳ וואו איז די געלט? דארטן׳ וואו פרוג׳ס קאפיקע ליגט. די מעשה איז אזוי: פרוג האט געדארפט פטור ווערן פון א קאפיקע׳ וואס האט מען געטאן? מ׳האט זי ארײנגעווארפן אין א קליין שטעטל די׳גער ברודנער מיקווע׳ און זי איז איינגעזונקען געווארן אז דער טייוול אליין האט זי ניט געקאנט ארויסנעמען. און אזוי איז איינגעזונקען געווארן די געלט אין דער מיקווע פון לעזע אדער דאם־זאל.

איך טרעף א מאל דעם יושב־ראש פון שניידער קלוב און איך פרעג אים׳ וואו קלובעוועט איהר? שטעלט ער מיר א האלבן קאלנער אן און רייכערט זיך געלאסן די פיפקעלע און זאגט מיר בזה־הלשון זאל זיין א שנ׳ידער־קלוב! אין וואסער ספר פראזדניק שטעהט געשריבן׳ אז שניידער מוזן האבן א קלוב? מילא וועט זיין אהן א קלוב ווען עס איז דא ארבייט׳ קאן מען זיך דאך ניט אפגעבן מיט א זעלכע נארעשקייטן. איז ניטא קיין ארבייט איז דאך אוודאי ניטא וואס צו קלובעווען׳ איך מיין׳ אז א שטעמפל איז דא׳ א פארוואלטונג איז אויך דא׳ קיין קאנטיגענט׳ צאלט מען דאך סייווי סיי ניט. אמאל א פראטעסט-פארזאמלונג אמאל א פאלקסהויז׳ זאל זיין׳ האלוואיי זאל מען ניט דארפן. אפשר וועט דאס צונוץ קומען׳ וואס זאגט איר אויף אונזערע פאראיינען? מ׳ארבעט שטארק פאר כלל־ישראל! ! ! !

טאנצט קינדער האפינקעס׳
מיט קאפענהגענער פאראיינען׳
אלעמען אויף צולאפינקעס׳
מיין איך דא ניט איינעם׳
איך ווייס זיי וועלן זאגען
א רוח אין זיין טאטען׳
איך וועל דערפון ניט טראגן
עס וועט מיר גארנישט שאטן
איך וועל זיי מאכן
א רוח אין דער מאמען
מיר וועלן לאכן׳
כדי עס זאל גראמען׳

— — — — —

כדי איר זאלט ניט מיינען אז עס שרייבט א רב
שרייב איך מיך אונטער׳

**חיים לייב קארפאטשאף׳**

# פוז דער אידישער וועלט.

## מאזאריק באזוכט די קברים פון נארדוי און אחד העם.

תל־אביב. אפריל 13 — דער טשעכא־סלאוואקישער פרעזידענט מאזאריק, וואס איז איצט א גאסט אין פאלעסטינע, האט היינט געקראגען אן ענטוזיאסטישע אויפנאהמע אין תל־אביב.

מאזאריק האט באזוכט די קברים פון דר. נארדוי און אחד־העם. און האט אויף זיי ארויפגעלייגט קרענץ מיט בלומען.

## אידישער קארעספאנדענטען קלוב געגרינדעט אין ווארשע.

ווארשע. אפריל 3 — א קלוב פון אידישע קארעספאנדענטען וואס רעפרעזענטירן די אידישע פרעסע אין אויסלאנד איז דא היינט געגרינדעט געווארען

דער אויסערען מיניסטער פון פוילען האט פארשפראכען צו העלפען דעם דאזיגען קלוב מיט אלעס מעגליכעס.

## א שריפה פארניכטעט א שטעטל אין פוילען

ווארשע. אפריל 14 — א פייער, וואס האס אויסגעבראכען אין דעם שטעדטעל בענטשון, קעלצער געגענט, האט פארניכטעט צענדליגער אידישע הייזער און האט פארוואנדלט א גרייסע צאל אידישע פאמיליעס אין דאך־לאזע ארימעלייט

דער ארטיגער רב האט ארויסגעלאזט אן אויפרוף צו די אידען פון פוילען, זיי זאלען זיך אפרופען מיט דרינגענדער שטיצע, ווייל אנדערש וועלען די נישרפים ניט האבן קיין מצה אויף פסח

## מעדיצינישער פאקולטעט אין יאסי געשלאסען צוליב סטודענטען אונרוהען.

וויען, אפריל — דער מעדיצינישער פאקולטעט פון'ם יאסי'ר אוניווערזיטעט איז געשלאסען געווארען צוליב סטודענטישע אונרוהען. ווערט היינט געמעלדעט פון יאסי צו דער אונגארישער צייטונג „פעסער ללאיד”.

די צייטונג גיט ניט איבער די איינצעלהייטען וועגען די אומרוהען, זי דערצעהלט אבער אז ארגאניזירטע גרופען פון רומענישע סטודענטען האבען זיך אריינגעריסען אויף דעם אידישען בית־עולם אין יאסי און דארטען איבערגעקעהרט א גרויסע צאהל מצבות.

## פוילישע רעגירונג פארבאט פארשפרייטונג פון אנטי־סעמיטישע אויפרופען אין פויזען

ווארשע, אפריל 14 — דער אינערן מיניסטער פון פוילען האט נעכטן ארויסגעשיקט א פאראראדנונג צו די לאקאלע רעגירונגס־בעאמטע אין פוזען אז זיי זאלן קאנפיסקירען אלע אויפרופן, וואס ענטהאלטן אין זיך אנטיסעמיטישע אגיטאציע.

דער דאזיגער שריט איז געמאכט געווארען דורך דעם מיניסטער נאך דעם ווי דעפוטאט הארטגלאס, דער פארזיצענדער פון דעם אידישען סיים־קלוב האט זיך צו איהם געווענדעט מיט אן אנפראגע וועגען די אנטיסעמיטישע אויפרופען, וואס ווער'ן איצט פארשפרייט איבער פויזען. דער מיניסטער האט דערקלערט, אז ער האט ביז איצט ניט געוואוסט וועגען דעם, אז אזעלכע או פרופן ווערן פארשפרייט.

## אונטערמייער זאגט. אז ציוניסטישע אגיטאציע אז פאלעסטינע ווערט א אידיש לאנד, איז ניט אמת

ירושלים, אפריל, 3. — דער אמעריקאנער בארימטער לאיער און ציוניסט סעמיועל אונטרמייער, האט מודיע געוועו די סומע פון הונדערט טויזענט דאלאר פאר דעם ירושלים'ער אוניווערזיטעט, וועלכער האלט זיך אין בויען.

מר, אונטערמייער איז געקומען צופליהען אויף אן עראפלאן פון קאאירא, עגיפטען און ער האט דא געקראגען א פיינע אויפנאמע אין א רעדע וואס ער האט געהאלטען אין דעם ירושלים'ער סיטי־האלל, האט ער קריטיקירט די אמעריקאנער ציוניסטען. ער האט געזאגט, אז זייערע פארזיכערונגען, וואס זיי מאכן דעם עולם, דאס פאלעסינע ווערט אלס א זעלבסט־טענדיג אידישע מדינה, שעדיגט דעם צושטאנד פון דעם ציוניזם אין דעם איצטיגען מאמענט. לויט אונטערמייער'ערס מיינונג, קאן מען ניט ריידען וועגען אן אויסשליסליך אידעשער מדינה לויט דעם מאנדאט וואס ענגלאנד האט איבער פאלעסטינא. מר. אונטערמייער גלויבט' אז ווען די פראפאגאנדע פון דעם ציוניזם וואלט איצט געפיהרט געווארען אייף א מעהר קלארן און און מער אמת'ן וועגדונג, וואלט דאס פיעל בעסער געוועז פאר ציוניזם.

# קאפענהאגענער טריבונע

ערשיינט יעדע צווייטע וואך.

1· מאי 1927 * נר· 4 — 1־טן יארגאנג * כ״ט ניסן תרפ״ז

## „הומאר און סאטירע” און — בלאף.

אויב אז דער אוונט, וואס איז געווען געווידמעט פאר »הומאר און סאטירע אין דער ליטעראטור«, האט לויט זיין אינערלאכן ווערט ניט פארדינט, אז מען זאל וועגן איהם שרייבן און ריידען, איז אבער כדאי צו פארצייכענען וועגן דער קוריאזיטעט פון דעם אוונט, וועגן דעם פאקט, וואס ביי אונז קאן אלץ פאסירן. —

פלוצלונג — אין מיטן פסח -- מיר הערן, מע קלאפט אין א פויק: — — — —

ליטעראט — רעדאקטאר — שרייבער — עקסטערן — לערער — דעקלאמאטאר — בן־ציון וועט ריידן וועגן „הומאר און סאטירע”.

האט מען אייגענטלאך נאכן קלאפ פון דעם פויק גלייך געדארפט דערקאנען, ווי פוסט ס׳מוז זיין אינעווייניק . . .

אבער מע איז געקומען הערן און — זען . . .

און באמת — מיר האבן געהערט און געזען.

מיר האבן געזען, ווי א מאדערנער אידישער יונגערמאן קען „אנקארמענען” אנ׳עולם פון עטלאכע הונדערט מענטשן מיט שטרוי . . און דער עולם זאל דאס צונעמען פאר כמעט־מארציפאנעס . . . .

ערלויבט מיר דערמאנען די שפייז פון דעם אוונט:

צוערשט אנ׳אויסגעדראשענעם מגידישן וויץ וועגן א שמעק־טאבאק, דערנאך: פון וואנען קומט דאס ווארט „טעאטער”. נאכדעם: אז הומאר און סאטירע הויבט זיך אן (!) פון מאטקע חב״ד און הערשעלע אסטראפאליער (געוועזענע צוויי אידישע לצים — ס. ב.) און דערנאך פון א. מ. דיק, שלום עליכם, דער טונקעלער און משה נאדיר. באזונדערס די לעצטע צוויי זיינען דער אויסדרוק פון הומאר און סאטירע אין דער אידישער ליטעראטור! — — — און יוצא. —

נו, אדרבא, זאגט, ווי זאל מען דאס אנרופן?

עם־הארציש, דעליטאנטיש, חוצפה׳דיג, אדער אפשר אלץ צוזאמען? . . .

אז מען קען ריידן וועגן סאטירע אין דער אידישער ליטעראטור און ניט דערמאנען אזעלכע נעמען ווי: דעם געניאלן מענדעלע מוכר ספרים, דעם שארפן, שטעכעדיגן זיידן אונזערן; אדער י. י. לינעצקי, איינער פון אונזערע גרעסטע סאטיריקער; אדער אונזער בייסנדיגן, גאליקן ביאליק; אדער אונזער געלייטערסטן סאטיריקער י. ל. פרץ; אדער אונזער אייראפעאישן שטעכער דוד פרישמאן; אדער איינעם פון אונזערע מאדערנסטע סאטיריקער, מ. ל. האלפערן, וועלכער פארמאגט יענעם טייוולישן ביטערן געלעכטער, וועלכער דערשוידערט אונז און לייטערט גלייכצייטיק אונזער נשמה, — אז מען קען, זאג איך, ריידן וועגן אידישער סאטירע און ניט דערמאנען לפחות אט די גאליקע, אידישע לאכערס, און גראד שטעמפלען דעם שארזשיסט און פעליעטאניסט „דער טונקעלער” פאר דעם „גרויסען הומאריסט און סאטיריקער”, און אזוי אויך דעם פארנאגראפישן ליריקער משה נאדיר קרוינען פאר דעם „גרעסטן אידישן סאטיריקער” — אז מע קען אזוי פארבייטן די יוצרות פון למשל: פאיאץ, קלאון, לץ, גרימאסן־מאכער, צו הומאריסט און סאטיריקער, דאן מוז מען זיין אנ׳עם־הארץ, א דילעטאנט און דערצו א בעל־חוצפה.

און אז דער בעל דרשן איז באמת אזא, האט אונז באוויזן זיין דעקלאמירן, מיט באגלייטונג פון מוזיק (!) די פלאכסטע, געשמאקלאזסטע געדיכטן. (דא איז כדאי צו דערמאנען, אז די ערשטע זאך הייסט „יתומים”, א רוסיש ליד פון דאווידאוו, און דאס קליינע געדיכט „צי געדענקסטו”, איז פון ס. מאכלין, געדרוקט אין „אידישן דעקלאמאטאר” — חלילה, ניט פון בן־ציון).

(שלוס אויף 4־טע זייט)

# Kopenhagener TRIBUNE

Udgivet og trykt af M. Altschuls Bogtrykkeri.
Ansvarshavende: Simon Altschul.
Ravnsborg Tværgade 6 - Telef. Nora 25 50 y.

Udkommer hver 14. Dag.
Abonnement: Kr. 1,50 pr. Kvartal. I Udlandet: Kr. 1,75
Anoncepris: 20 Øre pr. mm.

Nummer 5 * 15. Maj 1927 * 1. Aargang


## Næstsidste Nummer?

Da vi i første Nummer af dette Blad klargjorde vore Læsere Nødvendigheden af dette, sluttede vi med denne Appel til de jødiske Foreninger: Tribunen er rejst! Tilhørerne har indfundet sig og venter paa at høre Deres Ord! Skal det lykkes os, ved forenede Kræfter, fra denne Tribune at hæve vort jødiske Milieu til et højere Standpunkt, eller vil De, ved malplaseret Skepsis og Ligegyldighed hjælpe med til at rive Tribunen ned?

Tribunen var altsaa fra Begyndelsen af baseret paa de jødiske Foreningers Deltagelse og Medarbejden ved Bladet, og vi ventede, at Foreningerne i det mindste vilde lade høre fra sig. Paa dette Punkt blev vi fuldstændigt skuffede. Den malplacerede Skepsis, som vi haabede Bladet vilde blive forskaanet, mærkede vi i Begyndelsen af Bladets Eksistens, og nu efter Udgirelsen af 5 Numre føler vi stadig Foreningernes Ligegyldighed.

Vi skal ikke her befatte os med at finde Grunden dertil, men blot konstatere Fakta: Dette Nmr. er det næstsidste i dette Kvartal, og efter alle Solemærker at dømme det næstsidste, der i det hele taget udkommer. Men før vi helt bebuder Bladets Ophør, vil vi endnu gøre et sidste Forsøg paa at bevare dets Eksistens, og vi henvender os derfor til de jødiske Foreninger med følgende Forslag:

Bladet gøres til et Organ for det jødiske Foreningsliv i København. Hver Forening udvælger en Repræsentant, der varetager sin Forenings Interesser ved Bladet. Disse Repræsentanter udvælger saa to (eller flere) Medlemmer af deres Midte, der sammen med Udgiveren danner Redaktionskommisionen, hvis Arbejde bliver, foruden at redigere det indkomne Materiale fra de forskellige Foreninger, at fremskaffe de vigtigste Efterretninger fra den jødiske Verden, at optage vigtigere Foreningsspørgsmaal under Debat samt at gøre Bladet til Talerør for det jødiske Liv herhjemme.

Som Basis for Bladets fremtidige Eksistens som 14.-Dags-Blad fordres en Sum af 300 Kr. til Sikring af Ugivelsen af et Kvartal. Disse Penge garanterer Foreningerne for; der dannes et Bladfond og dette udbetaler Udgiveren 50 Kr. for hvert Nummer. Til Gengæld faar hver Forening et bestemt Antal Ekspl. af Bladet (efter nærmere Aftale) til videre Uddeling til Medlemmerne, og det staar da Foreningerne frit at indtjene de udlagte Penge ved at forhøje Kontingentet eller indkassere Betalingen for Bladet hos deres Medlemmer.

Paa Basis af ovennævnte Forslag vil vi i allernærmeste Fremtid indbyde de jødiske Foreninger til et Møde, og for at der paa dette skal fremkomme positive Resultater bedes Bestyrelserne have Forslag og eventuelt Fuldmagt i Beredskab. △

# אנ׳אפענער בריוו צו טעמיאנאפן.

זאג מיר דיין רעפערטואר,
וועל איך דיר זאגן,
וואס פאר אנ׳אקטיאר דו ביסט. ס. ב.

זייער געערטער הר׳ טעמיאנאף!

אז איך ווענדע זיך צו אייך דורך אנ׳אפענעם בריוו, איז עס דערפאר, ווייל איר זייט א „כהן" אין א אידישן טעמפל . . און אזוי ווי א אידישער טעמפל איז צוגעגנליך פאר אלעמען, האט עס אויך אנ׳עפענטליכן אינטערעס.

איר קענט דאך טיילווייז אונזער היגע אידישע סביבה, באזונדערס איר גייסטיקן פרצוף. אפגעריסן פון דער גרויסער אידישער וועלט, שטראמט טאקע ניט אזוי שטארק דאס בלוט אין די היגע אידישע אדערן, קלאפט טאקע דער היגער אידישער פולס וואס ווייטער אלץ שוואכער און שוואכער. אין קורצן איז: אונזער גייסטיקער מצב איז דא ניט איבעריקס הויך . . . איר קענט עס מעסטן נאכן צושטאנד פון אונזער טעאטער. וואר־ניט־וואו און ווען־ניט־ווען האט מען ביי אונז דערלעבט א טעאטער־פארשטעלונג; איז זי אויך קיינמאל ניט געשטאנען אויף קיין ערשטקלאסיקער מדרגה.

אבער איין זאך האט יענע טעאטער־פעריאדע פארמאגט: ערנסטע, עסטעטישע, קונסט־פעדאגאגישע כונות. פשוט גערעדט: א ווילן איז דא געווען, א ציעל צו דער דערהויבונג פון אונזער מאסע און צו דער אנטוויקלונג פון אידישן ארטיסט און מיט אים די אנטוויקלונג און אויספיינערונג פון אידישן טעאטער.

א סך כחות האבן מיר אוועקגעלייגט, אבער דערפאר האבן מיר זיך געקענט פארגינען צו זען ביי אונז ערנסטע מענטשן, און אפטמאל האבן מיר זיך ערלויבט צו שטאלצירן מיט אונזער קולטורעלער ניווא —

און וואס זעען מיר איצט?

איצט זייט איר, הר׳ טימיאנאף, „כהן" אין אונזער היגן טעאטער־טעמפל. אבער דער אמת איז: ווייט ניט ווי א כהן צו דער עבודה, ווייט, ווייט ניט; מע מעג זאגן „להבדיל" . . .

זינט איר זייט דא, קלאפט דער דופק פון אונזער טעאטער אביסל שטארקער, אבער דערפאר מגושמדיג. מיר קענען אים כמעט ניט דערקענען. דאכט זיך, אז אונזער היגער טעאטער איז ווידער פארוואנדעלט געווארן אין דער גאר אמאליקער צירק־ארענע, אין דעם לאנג פארפוילטן באלאגאן: אדער מע ברענגט ארויף אפן סצענע גאנץ אפגעקלאפטע הושענות, אדער צוקראכענע סענטימענטאליטעט **אדער סתם פראסטע, גראבע, מיאוסע אידישע נאכקרימערס.**

טעאטער איז ניט נאכקרימעניש: טעאטער איז געלייטערטער, פולקאמענער אויסדרוק פון אינערלאכע כחות פון פאלק.

און איר, פריינד טעמיאנאף, אלס „כהן", אלס ארטיסט, דארפט דאך עס וויסן בעסער פון אנ אנדערן, און איר באזונדערס דארפט דאך ניט צולאזן די פארשוועכונג פון אונזער אידישן טעאטער, איר דארפט ניט דערלאזן באליידיקן אונזער אידישן כבוד און טאקע אייער כבוד אליין אלס אידישער אקטיאר.

און ווייל איר ווייסט, אז די קינסטלערישע באדערפענישן זייענען דא ניט קיין גרויסע, דער גייסטיקער האריזאנט איז ניט קיין גוואלדיקער, וועט איר גאנץ לייכט קענען געפינען דעם קאנטאקט צום פובליקום, דורך בעסערע, מענטשליכערע טעאטער־שפייז, ווי ביז איצט, און נאך מער: איר זאלט אויך קענען זיין באפרידיגט מאטעריעל, א חוץ וואס איר וועט באדייטענד פארהעכערן די אכטונג צו אייך אלס ארטיסט.

אלס פריינד פון אידישן טעאטער, פארבלייב איך
אויך אייער פריינד

**ס. ביילין**

---

## צו די פארוואלטונגען

פון

**אידישע ארבעטער לעזע־זאל**
**אידישער שניידער־קלוב**
**אידישער האנטווערקער־פאראיין**
**געזאנג־פאראיין »הזמיר«**
**יוגנט־פאראיין »העברי הצעיר«**
**און מוזיק־פאריין »יוגנט«**

מיר לאדן אייך איין — לויט דעם לייט־ארטיקל פון היינטיגן נומער — צו א ז י צ ו נ ג וועלכע וועט פארקומען מיטוואך דעם 25 מאי 1927 8 אזיגער אין
**לעזע־זאל, קיבמאגערגאדע 3.**

מיט דרך ארץ

**קאפענהאגענער טריבונע**

ס׳איז דא א טייל אין משה נאדירס שאפן, וואס מען רופט דאס אין דער ליטעראטור דעקאדענץ. דאס איז די ליטעראריש ריכטונג, וואס באשעפטיקט זיך מיט סעקסועלע פארלאנגן, און וועגן דעם טייל, קענען מיר זיין איניק מיט ביילינען. משה־נאדיר דריקט אבער אויס א פראטעסט צו דער איצטיקער וועלט, מיט זיין אריגינאלן קאריקאטורן הומאר, אין טאג־טעגלאכע אלטיקלען און אין א רייע פון לידער. זיין בוך „אונטער דער זון" איז א קינסטלעריש ווערטפולע ווערק, מען פארגלייכט די אריגינאליטעט פון זיין הומאר מיט שלום־עליכם׳ס הומאר: »שלום־עליכם׳ס הומאר איז פאלקטימלאך נאדירס — אינטעלעקטועל, שלום־עליכם גיט אונז אידישע טיפען נאדיר — אידישע קאריקאטורן. (אזוי האט געשריבן נח שטיינבערג צו משה־נאריר׳ס 20 יאריקן יובילייאום) אזעלכע ווארטקינסטלער, ווי אברהם רייזן און משה-לייב האלפערן, וואס ביילין ד״ר מאנט אים אין זיין ארטיקל מיט גרויס אנערקענונג, זיינען באגייסטערט פאר משה־נאדיר׳ס טאלאנט. אין דעם פאל, פריינט ביילין האט איר אנגענומען אנ׳אמת׳ן דימאנט — פאר גלאז. היינט ווא איז דער מוסר־השכל וואס ווילט איר, אז מ׳ר זאלן ארויסנעמען פון אייער ארטיקל? קלאז.

---

## צו «קריטיק».

צו פריינד קלאז קען איך נאר זאגן, אז אין דעם טאן און אין געברויך פון ווארט אין מיין ארטיקל וועגן „הומאר און סאטירע", האט ער געדארפט גלייך דערקענען, אז דאס איז ניט געווען קיין קריטיק, נאר פשוט: א פעליעטאן.

ווען ער וואלט אלזא געלעזן אויפמערקזאם מיין ארטיקל וואלט ער פארשפארט די גאנצע טרחה — אויך דעם טייל וועגן באלערנען מיך וועגן דעקאדענץ, וועלכעס קלאז מיספארשטעהט אינגאנצן, וואלט ער פארשפארט.

בנוגע מיין באצייכענונג אף משה נאדיר, וועל איך מיר דערלויבן רעקאמענדירן קלאז׳ן צו לייענען משה נאדירס ביכל: „ווילדע רויזן". ער וועט דאן מיך פארשטיין און ער וועט דארטן געפינען עטוואס מער . . .

נאר אז קלאז רעדט עפעס וועגן ז י ד ל ע ן זיך — דא וואלט איך געבעטן לפחות די באשולדיקונג ניט צושרייבן צו מיר; איך בין ווייט פון דעם.

אז משה נאדיר איז א טאלענטפולער שרייבער, לייקנט עס קיינער ניט. נאר קלאז מאכט א איצט דעם זעלבן גרויסן פעלער, וואס נח שטיינבערג האט געמאכט מיט עטלאכע יאר צוריק: ער פארבייט דעם שארזש־ליריקער אף א הומאריסט.

ס. ביילין.

טראץ־דעם, וואס דער טענדענץ פון אייער צייטונג איז ווייט ניט אנגעמבאר פאר די קאפענהאגענער אידישע ארבעטער, קען דאך זיין גוט דער געדאנק פון א „פרייע־טריבונע" וואו יעדער פאריין קען מיטטיילן וועגן זיין טעטיגקייט אונטערנעמונג, און וואו יעדער איינציקער קען קומען צום ווארט, אין וואס מ׳ר נויטיקן זיך אזוי שטארק אין קאפענהאגן.

אז איר לאזט אויך דורך אומדרוקבארע ארטיקלען, איז דאס אייער זאך, דאך דארפט איר קיין פראוואקאציע און אין א זעלכע ארטיקלען ניט דורכלאזן, ליידער איז דאס געווען דער פאל אין לעצטן נומער.

מיר ווילן האפן, אז אין דער צוקונפט וועט איר זיין פארזיכטיגער מיט אזעלכע זאכן, וואס האבן געבראכט און קענען ברענגען שעדלאכע פאלגן. נ.

---

מיט פראוואקאציע מיינט ה׳ נ. די פאלגענדע שורות:

„דער סעקרעטאר האט אוואדאי קיין צייט ניט. ס׳איז קיין שפאס ניט, א קלייניגקייט, א רעוואלוציע אין כינא. די האטענטאטן הויבן זיך, עס איז א באלקאן, עס איז דא ראנדשטאטן, מ׳מוז באקעמפן, מ׳מוז איגנארירן און מ׳מוז דאך מאכן חאטשבי צוויי יאקן א טאג."

נעבעכטיגער ה׳ נ.! מיר באדויערן פון גאנצן האַרצן די אפגעדרוקטע „פראוואקאציע"; נאר טרייסט זיך: די האטענטאטן זיינען מער ניט קיין מענטשן־פרעסער! די רעד.

# בריוו אין דער רעדאקציע.

דער מענטשלאכער כבוד דערלויבט אונז ניט צו ענטפערן אף קארפאטשאף׳ס אומדרוקבארע פאטשקעריי, אין וועלכן די „קאפענהאגענער טריבונע״ האט זיך אנגעכאפט, ווי אנ׳ אבן־טוב קארפאטשאף׳ס מענטשלאכע קוואליטעט איז אלעמען גוט באקאנט אין קאפענהאגן, צו אלץ אבער דארף זיין א גרענעץ:

ער האט זיך לעצטנס גענומען די אויפגאבע ניט מער און ניט ווייניקער, צו שאדן איינצעלנע פערזאנען דורך מסירה און גאנצע פאריינען דורך געמיינע רכילות, אלע מיטלען זיינען בא אים כשר אין זיין „הייליקער״ ארבעט, און דאס אלץ פאר דעם איין פעלער, וואס די לעצע־זאל איז באגאנגען מיט א פאר יאר צוריק, נעמלאך: וואס מען האט געבראכן אנ׳אלטן באשלוס, אז קארפאטשאף זאל קיין מיטגליד אין פאריין ניט קענען זיין, פארשטייט זיך, ניט פאר מעשים טובים. דעם באשלוס וועט מען מוזן באנייען, דאס מאל ניט נאר די לעצע־זאל אליין, נאר אלע אידישע פאריינען אין קאפענהאגען

„די טריבונע״ האט אויך געמעגט געפינען אנדערע סענסאציאנס מיטלען פאר דער עקסיסטענץ פון דער צייטונג, ווי אזעלכע פאסקווילן.

דאס איז ניט דער מיינונג פון א יחיד, נאר דער אלגעמיינער אידישער געזעלשאפטליכער מיינונג.

אמיטגליד פון לעזע־זאל.

---

## אנ׳ענטפער פון קארפאטשאף

איינער א מיטגליעד פון לעזע־זאל שרייבט:

„דער כבוד דערלויבט אונז ניט ענטפערן אויף קארפאטשאף׳ס פאטשקעריי״. פרעג איך, ווער איז דער אונז? א פנים א פארוואלטונגס מיטגליד, וואס פילט זיך געטראפן!

זייער ריכטיג, זאגט דאסטאיעווסקי: ווען מ׳קאן ניט ענטפערן פיינגט מען אן זידלען זיך! מיר ריידען איצט ניט פון פיינקייט, פון פערזאנען. נאר אויב איהר ווילט, וועל איך אייך געבן א פאקט, אז איך האב דעם געוועזענעם פארמאן פון לעזע־זאל, געמוזט פארטיידיגען איהם פאר א גאנצער פארזאמלונג און קריגן זיך מיט דר׳ שארנשטיין. אויב איהר ווילט, וועל איך אייך זאגען, איך וועל אייך זאגן, איבער וואס? אבער ניט יעצט!

ערווארפט מיר אויף, אז מען האט מיר ניט געוואלט אננעמען אין יאר 1914 אלס מיטגליד, פון לעזע־זאל! ווייסט איר ניט, אדער איהר ווילט ניט וויסן, אז דאמאלסט איז געווען א קאמפף פון צמח ברענמאן און יענקל קאטיק, בויריש מארגן־צייטונג, פאריזער לץ, געגען אננא מיראנאוונא׳ און מ׳האט ניט געוואלט אריינגעמען קארפאטשאף׳ן, ווייל ער איז געגען אננע׳ס צד! נו און דער איצטיגער ביבליאטעקאר, פארוואס ער איז געווען אנטקעגען דער לעזע־זאל, ווי מ׳האט דעם פארמאן אויפגעווארפן אויפן נייעם יאר־אווענד. מיט וואט פאר א רעכט, זאגט ער, אז דאס איז דער געזעלשאפט־מיינונג, ווען ער האט אפילו ניט געהאט דעם מוט אליין צו אונטערשרייבן.

אלזא, פאר שמיר דעם מויל מיט . . . . .

ווארעם איך וועל ארויס מיט לשון!

---

## קריטיק אף קריטיק

אין ארטיקל „הומאר און סאטירע און — בלאף״ אין נומער 4 „טריבונע״ נעמט זיך ביילין אן אונזער קריוודע, וואס די קאפענהאגנער פאראיינען האבן אונז דורך פויק און ליארם צוזאמענגערופן הערן דעם הער בן־ציון׳ס פארטראג, און צום סוף זיינען מיר אנטוישט געווארן, אנשטאט די אלע וואונדערלאכע קונסט־זאכן, וואס זיי האבן אונז צוגעזאגט, האט מען אונז אנגעקארמעט מיט שטרוי, און ער ענדיקט מיט א מוסר־השכל — אין דער צוקונפט זאלן מיר ניט לאזן זיך נארן מיט אזעלכע בלאף, און ליטעראטן פון דעם מין ווי בן־ציון זאלן ניט מיינען, אז מען קאן אפנארן דימאנטהענדלער און געבן זיי פראסטע גלאז, אנשטאט אמת׳ע דימאנטן.

אויב מיר קאנען מסכים זיין מיט ביילינען וועגן עצם פארטראג קען אבער זיין ארטיקל אונז בשום־אופן ניט דינען פאר א ביישפיל פון קריטיק.

ערשטנס די שפראך — ס׳איז באוואוסט, אז זידלען זיך איז א סימן פון מאנגל אין מיטלען באקעמפן א געגנער, און צווייטנס בכלל ניט עסטעטיש, פון וואס ביילין איז א שטארקער אנהענגער, נאר צוליבדעם וואלט זיכער ניט געלוינט נאך אמאל וועגן דער זאך צו שרייבן מיר ארט אבער אנ׳אנדער זאך, אז מען קריטיקירט איינעם פאר גארנישט זאגן און שלעכט אויסטייטשן, ווי קאן מען אליין גלייכצייטיק, מיט איין פיר פון פעדער ארינטערמאכן אזא קינסטלער ווי משה נאדיר: „פארנאגראפישער ליריקער״ און שוין פארטיק מיט אים דאס דארף מען אויך קענען.

# פון דער אידישער וועלט.

## אקטען וועגן חתונות און גט'ן וועלן ארויסגעגעבען ווערן אויף אידיש אין רוסלאנד

מאסקווע, אפריל 25 — אקטען וועגען חתונות· גט'ן און געבורטען וועלען ארויסגעגעבען ווערן צו דער אידישער באפעלקערונג אין סאוועט רוסלאנד אין דער אידישער שפראך·

דער צענטראלער קאמיטע פון נאציאנאלע מינדערהייטען אין רוסלאנד האט פאראָרדענט· אז אין די ערטער וואו עס איז פאראן א נאציאנאלער מינדערהייט זאלן די דאזיגע אקטען ארויסגעגעבען ווערען אין די ארטיגע שפראכען פון די נאציאנאלע מינדערהייטען· איינשליסענדיג אויך די אידישע שפראך·

מאסקווע· אפריל 25 — די פאליטישע פארוואלטונג אין אוקראינישען מיליטערישען קרייז האט פאראָרדענט· אז אין די מיליטערישע קלובען און לעזע־צימערען זאלען אויסגעשריבען ווערען אידישע צייטונגען· פאר די רויטע אידישע ארמייער·

מאסקווע· אפריל 25 — א ביבליאגראפישע אפטיילונג צו רעגיסטרירען אלע אידישע אויסגאבען· וואס ערשיינען אין אייראפע און אין אמעריקע· איז געגרינדעט געווארען ביי דער אוקאינישער וויסענשאפטליכער אקאדעמיע·

די פארוואלטונג פון דער דאזיגער אבטיילונג וועט ארגאניזירען א ריי קארעספאנדענטען אין אויסלאנד· כדי דורך זיי צו קריגען די נויטיגע אינפארמאציעס וועגען די ערשינענע אידישע אויסגאבען·

---

## 184 אידישע קינדער־שולען אין ווייס־רוסלאנד·

מינסק· אפריל 19 — הונדערט פיער און אכציג אידישע קינדער שולען זיינען פאראן אין ווייס רוסלאנד, לויט ווי דער בילדונס קאמיסאר פון דער ווייס־רוסלאנדישער רעפובליק האט היינט ערקלערט·

די דאזיגע ערקלהרונג איז געמאכט געווארען אויף דעם קאנגרעס פון די ווייס רוסישע סאוועטען וואס ווערט דא אפגעהלטן דער בילדונגס קאמיסער האט אויך דערצעהלט אז אין ווייס רוסלאנד זיינען פאראן דריי אידישע פעדאגאגישע סעמינאריומ·

## ציוניסטישע סטודענטען ארגאניזאציע אין פוילען ערקלערט באיקאטעגן לעקציעס פון רומענישע פראפעסארען

ווארשע· אפריל 26 — א באיקאט געגען די פארלעזונגען פון די רומענישע פראפעסארען, וואס געפינען זיך איצט אין ווארשע· איז היינט ערקלערט געווארען דורך דער ציוניסטישע סטודענטען ארגאניזאציע „ירדניה"

דער דאזיגער באיקאט איז ערקלעט געווארען אלס אויסדרוק פון פראטעסט געגען די אנטיסעמיטעשע באהאגדלונגע, וואס ווערן באגאנגען בנוגע צו די אידישע סטודענטען אין די רומענישע אוניווערזיטעטען און אויך געגען געגען די אנטי־אידישע עקסצעסן· וואס געהען אן אין רומעניע·

---

## שלום אש אויפגענומען מיט גרויס פאראד אין פאלעסטינע·

תל אביב אפריל 26 — שלום אש· דער בארימטער אידישער שריפטשטעלער· איז היינט אהער אנגעקומען אויף א באזוך· וואס וועט דויערן עטליכע מאנאטען· דער חשוב'ער גאסט איז באגעגענט געווארען פון אן אפיציעלער דעלעגאציע פון דער צענטראלער ציוניסטישער ארגאניזאציע· פון די געווערקשאפטען· ליטעראטען און זשורנאליסטן·

די צייטונגען האבן געווידמעט דעם גרויסן גאסט ספעציעלע ארטיקלען און די באפעלקערונג גרייט זיך צו א גרויסן קבלת פנים וואס די צענטראלע עקזעקוטיווע פון די געווערקשאפטן האט ארראנזשירט פאר דעם אידישן ראמאניסט·

---

## פארווערטס 30־יאריגען יובילייאום·

די גרעסטע אידישע צייטונג אין דער וועלט· די אידישע ארבייטער־צייטונג „פארווערטס" האט אין דעם חודש געפייערט איר 30 יאריגען יובילייאום· דורך פארשיידענע פעסטליכקייטן און האט אויך ארויסגעגעבען א יובילייאומס נומער· וואס ענטהאלט 84 זייטען אויף אידעש· 24 זייטן אויף ענגליש· און א קונסט־ביילאג פון 16 זייטען·

# קאפענהאגענער טריבונע

ערשיינט יעדע צווייטע וואך.

15 מאי 1927 * נר׳ 5 — 1־טן יארגאנג * י״ג אייר תרפ״ז


## א פארשלאג צו די פאראיינען.

ווען מיר האבן אין דעם ערשטן נומער פון דער צייטונג׳ קלאר־געמאכט אונזערע לעזער, די נויטווענדיגקייט פון דער צייטונג, האבן מיר אפעלירט צו די אידישע פאריינען בזה הלשון:

די טריבונע איז איינגעשטעלט! די צוהערער זיינען געקומען אוןווארטן צו הערן אייער ווארט! וועט אונז געלונגען דורך פאראייניגטע כוחות, פון דער טריבונע, צו אויפהויבען אונזער אידישער סביבה צו א העכערער מדרגה, אדער ווילט איר, דורך גלייכגילטיגקייט און ניט־ריכטיגען סקעפסיס, מיטהעלפן צו אראפ רייסען די טריבונע.

די צייטונג איז אלזא פון אנפאנג אן, באזירט געווען אויף דעם, אז די אידישע פאראיינען, וועלן טייל נעמען און מיטארבייטן אין איהר. און מיר האבן געווארט, אז די פאראיינען וועלן זיך חאטש לאזן הערען, אבער אויף דעם פונקט זיינען מיר פאלשטענדיג געווען אין טעות.

דעם צווייפל, וואס מיר האבן געהאפט די צייטונג וועט אויסמיידען׳ האבן מיר געמערקט גלייך ביים ארויסגעבן פון דעם בלאט, און איצט ווען מיר האבן שוין ארויסגעגעבען 5 נומערן, פיהלען מיר אלץ דאס גלייכגילטיגקייט פון די פאראיינען.

מיר וועלן ניט באשעפטיגן זיך מיט זוכן פון וואנען די אורזאכע שטאמט, נאר מיר וועלן זיך באגענוגענען מיט קאנסטאטירן דעם פאקט: דער איצטיגער נומער, איז דער פארלעצטער פון דעם קווארטאל, און ווי עס שיינט אויס, דער פארלעצטער, איבערהויבט. אבער איידער מיר פארקינדיגן דעם אויפהער פונ׳ם בלאט, וועלן מיר מאכן דעם לעצטן פארזוך, צו בעווארן דאס בלאטס עקזיסטענץ. מיר ווענדן זיך צו די אידישע פאראיינען מיט פאלגענדן פארשלאג:

די צייטונג זאל געמאכט ווערן פאר אנ׳ארגאן פאר דאס אידישע פאראינס־לעבן אין קאפענהאגען. יעדער פאראיין, זאל זיך אויסוועהלן א רעפרעזענטאנט, וועלכער זאל פארטרעטן זיין פאריינס אינטערעסן ביי דער צייטונג. די רעפרעזענטאנטען וועהלן דאן אויס (צוויי אדער מער) מיטגלידער פון זיך, וועלכע צוזאמען מיט דעם ארויסגעבער, זיינען די רעדאקציאנס־קאמיסיע, וועמעס ארבייט איז צו רעדיגירן די אריינגעקומענע מאטעריאלן פון די פארשיידענע פאראיינען, צו שאפן די וויכטיגסטע ידיעות פון דער אידישער וועלט צו אויפנעמן אלע וויכטיגע פאראיינס־פראגען אויף דעבאט און צו מאכן דאס בלאט פאר דער שטימע, פון דעם אידישן לעבן אין קאפענהאגען.

צו באפעסטיגען די צוקונפטיגע עקזיסטענץ פון דער צייטונג אלס א צוויי־וואכעדיקע בלאט, פאדערט זיך א סומה פון 300 קר, צו זיכערן א קווארטאלס ארויסגעבונג, פאר די געלט גאראנטירן די פאראיינען, און דורך א צייטונס־פאנד ווערט אויסגעצאלט דעם ארויסגעבער 50 קראנער פאר יעדן נומער, דערפאר, קריגן די פאראיינען א באשטימטן צאהל עקזעמפלארן (נאכן אפמאך) צו אויסטיילען צו זייערע מיטגלידער, און דאן קאנען די פאראיינען קריגן זייערע אריינגעלייגטע געלט צוריק דורך פארהעכערונג פון קאנטינגענט אדער דורך איינקאסירן פאר אבאנעמענט ביי זייערע מיטגלידער.

אויף דעם באזיס פון אויבן דערמאנטן פארשלאג, וועלן מיר אין דער נאהנסטער צוקונפט איינלאדן צו א זיצונג מיט די פארוואלטונגען פון »לעזע־זאל« »הזמיר« »שניידער־קלוב« האנטווערקער פאראיין״ „העברי־הצעיר״ און מוזיק־פאריין „יוגנט״.